ווען ריטשע, איר מאַן קומט אהיים, זענען בידע מאַג און טערי נאָר וואָס ארויס פון בעט. די סצענע, איז אזוי געמאַכט, אַז דער צושויער זעט, אַז איר מאַן ווייסט, וואָס דאָ איז פאָרגעקומען, אָבער ער מאַכט זיך נישט ווויסנדיק. ער רעדט צו טערי זייער פריינדלעך. בידע טרינקען זיי וויסקי און לאַכן. עס אַנטוויקלט זיך אַ געשפרעך צווישן זיי. ער, דער קיו־סי האַלט שטאַרק פון אמת, זאָגט ער אים, אָבער ער וואָלט זיך געוווּנטשן, אַז טערי זאָל אויפן פראָ־צעס זיין א גוטער און וויכער עדות. פאַר דעם צושויער איז קלאָר, אַז טערי קען טאָן מיט זיין פרוי וואָס נאָר ער וויל, אויפן פראָצעס אָבער זאָל ער רעדן וואָס ריטשע דאַרף. אוודאי שאָקלט זיך טערי אָפּ פון דער אָנדייטונג. שפּעטער ווייזט זיך ארויס, אַז ריטשע האָט געוווּנען דעם פראָצעס טאַקע אַ דאַנק דעם עדות־זאָגן פון קאָמוניסט. דער מאַגנאַט קויפט דאַן א גרויסע אוראַניום קאָמפּאַני.

די גאַנצע פּיעסע איז וועגן דער קאָרופּציע פון אונ־דזער געזעלשאַפט, ווו אפילו די אומשולדיקע ווערן אין דעם אריינגעצויגן. ביים סאַמע אָנהייב איז דאָ אַ סצענע, ווי זי ליגט אויפן בעט און רעדט דורכן טעלעפאָן. בשעת דעם געשפרעך שפּילט זי זיך מיט אַ שטאַרק־אָנגעבלאָ־זענעם באַלאָן, זי פּרובירט אים צו באַלאַנסירן. דער באַ־לאָן, דאָס „גרויסע שפּילצייג״ איז זייער גרויס. ווי לאַנג וועט ער זיין גרויס? צום סוף פּלאַצט ער. זאָל דאָס זיין דער סימבאָלישער געדאַנק פון דער פּיעסע? אין „שפּיל־צייג״ האָט נאָר־וואָס געפּלאַצט, אָבער אַן אַנדער „שפּיל־צייג״ דאַרף באַלד אריינקומען. עס קען זיין, אז מיר אַלע דאַרפן האָבן אַ „גרויס שפּילצייג״...

ווען איך בין געזעסן און זיך צוגעקוקט צו דער פּיעסע, האָב איך געטראַכט, אז עס קען זיין, אַז קונסט, סעקס, און ליבע זענען פאַר אונדז אַ רעטעניש, וועלכע מיר, מיט אונדזער נשמה ווילן לייזן. אָבער אין אַקט פון לייזן די איבנדערמאָנטע פראָבלעמען, ווערן מיר צעטומלט און טיילמאָל גייסטיק קאָרומפּירט. אפשר איז דאָס אַ רעזולטאַט פון אונדזער געיעג נאָכן „גרויסן שפּילצייג״.

ביים סוף פון דער פּיעסע, נאָך אַ קאָנפליקט מיט איר מאַן, גיט ער איר א קוש. זי טוט אָן דעם פוטערנעם מאַנטל, נעמט פון אים די שליסלען פון דער נייער קאַר. זי האָט זיך טאַקע צעבונטעוועט קעגן די פאָרמען פון איר לעבן. אָבער זי האָט נישט קיין כוח זיך אָפּצוזאָגן פון אַ לעבן פול מיט „שפּילצייג״.

דו גייסט ארויס פון טעאַטער מיט אַ געפיל פון אַנטוישונג; נישט מיט דער פּיעסע, נאָר מיט אונדז אליין.

---

געזעלשאַפטלעכער באַאַמטער, יו נאָו... ער ווייס ווו איין און ווו אויס — ער האָט זיך איינגעלעבט אין דער ראָל זיינער.

אין מאָמענט, ווען די אַלטע מאַמע פאַרלאָזט ס'הויז און עס דוכט זיך, אַז אַצינד וועט קומען די געגאַרטע רו — הויבט זיך אייגנטלעך אָן די דראַמע. סוזי לאָזט נישט ארויסוואַרפן דעם הילצערנעם טעלער און זי זאָגט עס איר מאַמען:

— ווייל דו וועסט אויך איין טאָג אַלט ווערן, און אויך דו וועסט עס דאַרפן...

★

צי וואָס איז נייטיק געווען די הקדמה?

צוליב דעם טאַקע — מען זאָל זען און אָפּשאַצן די פאָרשטעלונג אין ליכט פון איר אייגענער ווערט; די קינסטלערישע דערגרייכונג פון די אַרטיסטן פון דוד הער־מאַן טעאַטער: די פעאיקייט און אויפטו פון דער רעזשי צו פאַרשטיין דאָס פּראָבלעם און קאָנען עס ארויסקריגן פון די אַרטיסטן.

די בינע, די דעקאָראַציעס, האָבן געהאָלפן ארויס־ברענגען די אַטמאָספער פון א היים, און מיר האָבן געזען די היים—וואָס קאָן זיין יעדער היים אָדער—יעדנס היים.

די פאָרשטעלונג האָט באַוויזן, אַז די רעפּוטאַציע פון דוד הערמאַן טעאַטער האָט דורך די אַלע יאָרן גאָרנישט פאַרלוירן פון איר גלאַנץ.

מ. אייזענבוד

# „די הילצערנע שיסל"

(דראַמע אין 2 אַקטן, 4 בילדער, פון עדמונד מאָריס — יידיש: א. צימערמאַן; רעזשי: שיע טיגעל).

דריי נעגאַטיווע דערשיינונגען באַגלייטן דאָס יידישע טעאַטער אין דער וועלט: עס פעלן יונגע אָדער נייע דראַמאַטורגן; יונגע אַרטיסטן און... אַ יונג פובליקום.

און נישט נאָר דאָס יידישע טעאַטער: אויך דאָס העברעישע, אין ישראל איז הונגעריק נאָך אָריגינעלע העברעישע דראַמאַטורגן. דער רעפּערטואַר (פון יידישן און העברעישן טעאַטער) איז הויפּטזעכלעך געבויט אויף איבערזעצונגען פון אַנדערע שפּראכן — און... אויף פּיעסן, וועלכע מען נעמט ארויס פון מושב־זקנים, מען פוצט זיי אויס — און מען פירט זיי ארויס אויף דער בינע.

אַלס צולאָג צו די צרות, לײדט נאָך די יידישע בינע פון טראַדיציאָנעלן רעקוויזיט: דאָס שטעטל באַגלייט מיט דער קאַפּאָטע, און דעם שדכן, און די רויטע פּאַטשיילע, און דעם האַרטן קאַפּעליוש. די יידישע בינע האָט זיך האַרטנעקיק אַנטקעגנגעשטעלט יעדן פּרוּוו פון אייראָפּעאיזירן איר.

א גרויסע שולד דערפאַר האָט אויך דאָס אזוי גערופענע „חשובע פובליקום".

— גאָלאָבראָדעס קאָנען מיר זען אין יעדן אַנדערן טעאַטער. פון יידישן טעאַטער דערוואַרטן מיר נאָסטאַלגיע...

איז ווידעראַמאָל די אַלטע פראַגע: דאַרף טעאַטער פאַרוויילן אָדער דערציען?

דאָס אַלץ דאַרף מען האָבן אין זינען, אידער מען פּרובירט עפּעס זאָגן וועגן דער לעצטער פאָרשטעלונג פון דוד הערמאַן טעאַטער: „די הילצערנע שיסל". אָריגינעל געשריבן פון עדמונד מאָריס אין ענגליש — איז די דראַמע איבערגעזעצט געוואָרן אין כמעט אַלע שפּראַכן, און אויך אַדאַפּטירט געוואָרן פארן יידישן טעאַטער.

די הויפּט־סיבה פאַרן דראַמאַטישן נייגער אויפצופירן די דראַמע איז איר אַקטועלע טעמאַטיק.

די לעצטע אויפפירונג איז באַאַרבעט און רעזשיסירט דורך שיע טיגעל.

די פאָרשטעלונג באַהאַנדלט אַ קאַרדינאַלע פראַגע. (שוין די אַלטע גריכן האָבן זיך געמאַטערט מיט דעם פּראָבלעם). ווּ איז דאָס אָרט פון מענטשן, וועלכער האָט דערצויגן קינדער, אויפגעבויט אַ פאַמיליע — און איז געוואָרן אַלט. דאַרף ער ווייטער בלייבן אין קרייז פון דער פאַמיליע, אָדער אין היימען פאר אַלטע לייט?

האָבן מיר דאָ די אַלטע מאַמע — טיף מענטשלעך און מיט אַ סך קינסטלערישע געצוימטקייט געשפּילט פון רחל האָלצער. פאַרוואָס געצוימטקייט? זי וויל נישט שטעלן אין שאָטן איר שנור קלאַרע (פאָלע קאָכען) וואָס איז אייגנטלעך דער הויפּט־נערוו פון דער פאָרשטעלונג. זי לעבט עס מיט דער אַלטער טאָג־אויס, טאָג־איין, שוין 20 יאָר אונטער איין דאַך, און מער קען זי עס נישט אויסהאַלטן. זי רופט ארויס טעלעגראַפיש בעטיס זון, מייקלען, (יאַשאַ שער), וועלכער האָט זיך שוין 16 יאָר נישט געקימערט וועגן זיין מאַמען: זי לאַדט איין דעם פאַרוואַלטער פון מושב־זקנים; זי טרייסט זיך דערוויל מיטן סובלאָקאַטאָר (יוסף כאַבערמאַן). דאַרף מען איר טאַקע געבן קרעדיט פאַרן איינהייטלעכן, אויסגעהאַלטענעם טאָן; פאר איינלעבן זיך אין דער ראָל און געבן די נאַטירלעכע קרעאַציע פון אַן אומצופרידענער און טייל מאָל טאַקע באַעוולטער פרוי.

יוסף כאַבערמאַן (דער סובלאָקאַטאָר) פילט זיך אויף דער בינע אין זיין עלעמענט. פריי, נישט אָנגעצויגן. רחל לעוויטאַ (סאַראַ יעגער, בעטיס חברטע) שאַפט די פאַרבינדונג צווישן טרוים און ווירקלעכקייט. זי איז א מין בליץ־אָפּלייטער, וואָס מיידט אויס דעם שטורעם. דורכן טרוים, וועגן אַ פאַרם, וואָס זי אַנטוויקלט — ברענגט זי אריין פרייד און האָפענונג אין לעבן פון איר חברטע בעטי. איר שפּילן איז איבערצייגנדיק, וואַרעם.

יאַשאַ שער און שיע טיגעל (צוויי ברידער) דערשיינען פאר אונדז דאָס מאָל אָן גרים; אָן ספּעציעל אונטערצושטרייכן אַ געוויסן כאַראַקטער. זיי שפּילן מיר און דיר און אים: דעם מענטשן פון יעדן טאָג. זיי פילן די פאַראַנטוואָרטלעכקייט און אויך די שוועריקייט וואָס איז פאַרבונדן דערמיט — דערפאַר טאַקע ווירקט דאָס שפּילן אסך שטאַרקער, ווייל עס איז דירעקט, אָן זייטיקע עפעקטן. עס רירט אָן דעם עצם זין פון לעבן:

— נישט נאָר די מאַמע איז אַלט—אויך איך ווער אַלט

— ווּ וועט זיין מיין אָרט? ווער וועט פאַר מיר זאָרגן?

האַרי (שיע טיגעל, דער יינגערער זון) ראַנגלט זיך. אין זיין אינערלעכער וועלט איז דאָ דער קאָנפליקט צווישן דער פליכט פאר דער מאַמען און דער ליבע פאר זיין פרוי; די פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאר דער גאַנצקייט פון דער משפחה, פילן מיר דעם דאָזיקן געראַנגל — וואָס איז נישט סתם געשפּילט — מיר פילן ווי ער לעבט עס ממש איבער.

עס איז גוט צו זען יונגע — יוגנטלעכע אַרטיסטן, וואָס שוין בלויז זייער יונגקייט גיט צו חן דער פאָרשטעלונג.

צוליב זייער יונגקייט פילן זיי ניט דעם קאָנפליקט וואָס וואַקסט אָן. פאַר זיי איז די באָבע אַ טייל פון זייער לעבן, און זיי ווילן נישט דערלאָזן, מ'זאָל עס פון זייער לעבן ארויסרייסן.

גיטל פרידמאַן (סוזי) און דודל רינגעלבלום (סעמי) כאַראַקטעריזירן דורך זייער שפּילן אָט די געפילן פון צוגעבודנקייט צו דער באָבען — דעם שטאָם פון וועלכן זיי זענען ארויסגעוואַקסן. זייער קינדערישע גוטסקייט איז רירנדיק... און עס רירט טייל מאָל אַזש ביז טרערן.

מענדל שמערלינג (דער פאַרוואַלטער) שאַפט דעם טיפּ, וואָס איז סימבאָליש פאַר אָט דעם קלאַס מענטשן — דער

שוין די ראַדיאָ־סטאַציע מער נישט איבערגעגעבן קיין נייעס. אָדער, אז משפחות פון ידישע מיניסטאָרן האָבן פאַרלאָזט פוילן מיט מיליאָנען צוגערויבט פון פוילישן פאָלק. אָדער, אז יידן אויף הויכע פּאָליציי פּאָסטנס האָבן געפּייניקט פאָלאַקן; אָדער, אַז יידן זענען מיטבאַטייליקטע אין אַן אינטערנאַציאָנאַלער ציוניסטישער קאָנספּיראַציע.

איך האָב באַזוכט צוויי פוילישע טעאַטראַלע פאַר־שטעלונען, אויף אַ קינסטלערישן ניוואָ, אויף איינע פון די פאָרשטעלונגען האָט מען אריינגעוואָרפן אַ זאַץ, וועגן יידן „ליכוויאַזשעס", וועלכע האָבן גענומען הויכע פּראָ־צענטער פאַר באָרגן געלט, פאַרשידענע אזעלכע קלאַנגען ווערן ארויסגעלאָזט פון צייט־צו־צייט, מיט אַ פאַרזיכע־רונג אַז זיי קומען פון הויכע פענסטער

עס ווערט נאָך אָנגעוואָנדן אַן אַנדער מיטל, נישט צו דערלאָזן דעם פוילישן פאָלק צו פאַרגעסן, ווער דער ייד איז געווען. עס ווערן פון צייט צו צייט געמאַכט פיל־מען ווו מען ווייזט דעם ייד אין אַ קרומען שפּיגל. עס זענען אין די לעצטע יאָרן געמאַכט געוואָרן דריי פילמען אין וועלכע יידן שפּילן די הויפּט־ראָלע — „די צוגעזאָגטע ערד", ווו מען ווייזט א ייד אַ פאַבריקאַנט, און אויסנוצער, די פרוי זיינע, לאָזט זיך אריין אין סעקס אָרגיעס, מען ווייזט נישט די צענדליקע טויזנטער, ערלעכע אַרבעטער, קעמפער פאַר אַ בעסערן מאָרגן. אַ צווייטער פילם „די קלאַפּסידרע איבערן סאַנאַטאָריום", ווו מען ווייזט אַ צימער פון פרומע יידן געקליידט אין לאַנגע קאַפּאָטעס, בערד און פּיאות, מיט ציצית און טליתים אויף די אַקסלען און נאַקעטע פרויען אויף די קני.

דער דריטער פילם „די ריכטער", שילדערט א ידישע פרומע משפחה, וועלכע לעבט אין דאָרף און פאַרנעמט זיך מיט לאַנדווירטשאַפט. ווידער אַ ייד מיט באָרד און פּיאות, ציצית הענגען פּראָמינענט ארויס. אין דער ווירטשאַפט אַר־בעטן פוילישע פּויערים און פּויערטעס. איינעם אַ טאָג קומט אין דאָרף אַן אַלטער פּאָלאַק, וועלכער קומט אריין צו דעם ייד.

דער ייד פרעגט אים, וואָס זוכסטו דאָ? דער פאָלאַק ענטפערט: איך בין געקומען זוכן און נעמען נקמה אין דיר, ווייל דו האָסט פאַריאָגט אונדזער משפחה פון דער דאָזיקער ערד, וועלכע מיר און אונדזערע עלטערן און זיידעס האָבן באַאַרבעט מיט שווייס און בלוט, אין פאַר־לויף פון דורות. האָסט אונדז פאַריאָגט און געמאַכט פאַר שנאָרערס. זעסט דאָרט די יונגע פרוי, זי אַרבעט אויף דיין ווירטשאַפט, דאָס איז מיין טאָכטער, וועלכע דיין זון האָט פאַרגוואַלטיקט... איך וועל נישט רוען ביז איך וועל נישט נעמען נקמה אין דיר.

דער דאָזיקער פילם איז געוואָרן צעטיילט אין זיבן טיילן און געוויזן דורך טעלעוויזיע, מען האָט דעם דאָזיקן טיפּ פון אַ ייד, — בלוטזויגער, אויסנוצער — אריינגע־ברענגט אין יעדער פוילישער שטוב. מען האָט נישט גע־וויזן און מען ווייזט נישט, פאַר די פוילישע מאַסן, די טויזנטער קעמפער פאַר אַ בעסער און שענער פוילן, די צענדליקער טויזנטער ערלעכע, אַרבעטזאַמע יידן, מען ווייזט דעם ייד און דעם דאָזיקן טיפּ פון ייד באַמיט מען זיך איינצוקריצן אין זכרון פון נייעם פוילישן דור. ווען עס זענען געשטאָרבן די ידישע פירער פון נאָכמלחמהדיקן פוילן, ווי: מינץ, זאַמבראָווסקי און אַנדערע, איז קיין פאַר־שטייער פון דער פאַרטיי אָדער רעגירונג נישט געקומען צו זייער לוויה, מען האָט אפילו קיין נעקראָלאָג נישט גע־דרוקט. מען האָט פאָטאָגראַפירט אָנטיילנעמער אין די לוויות.

אויפן עקאָנאָמישן געביט האָט זיך כמעט גאָרנישט געענדערט. עס זענען ווייטער דאָ צוויי אָדער דריי קלאַסן אין פוילן, דער אַרבעטער, וועלכער לעבט בלויז פון גע־האַלט, האָט אַ שווער לעבן, ער ציט קוים דורך דעם חודש מיט זיין געהאַלט, יעדער גראָשן ווערט געמאָסטן און גע־וויגן, איידער ער באַשליסט וואָס צו קויפן. דאַקעגן מענטשן אויף הויכע פּאָסטנס פאַרדינען 3־2 מאָל אזוי פיל פון אַרבעטער, און לעבן זייער גוט. עס זענען דאָרט דאָ מענטשן, וועלכע דיספּאָנירן מיט גרויסע געלטער, און קויפן אַלץ וואָס מען קריגט, אַפילו זייגערס פאַר 125.000 זלאָטעס. די סומע באַטרעפט 4 יאָר געהאַלט פון אַן אַר־בעטער. פאַר אַמעריקאַנער דאָלאַרן, קאָן יעדער פוילישער איינוווינער אַלץ באַקומען. מען פרעגט אים נישט ווי ער הייסט. דאָס בילד פון היינטיקן פוילן איז זייער ווייט פון דעם בילד פון א קאָמוניסטיש אָדער סאָציאַליסטיש פוילן, פאַר וועלכן עס האָבן געקעמפט טויזנטער ידישע קאָמוניסטן.

עס איז נישט דאָ קיין שפּור פון דעם טויזנט יאָריקן ידישן ישוב, וועלכע האָט געהאָלפן בויען און אליין גע־בויט גאַנצע ווירטשאַפט־צוויגן.

---

## ידישע ראַדיאָ־אוידיציעס
## 3EA כוואַליע 1120

יעדן פרייטיק 4.30 — 4 „נייעס פון דאָ און דאָרט", אינטערוויוען, פּערל פון דער ידישער ליטעראַטור, מוזיק. אָנגעפירט פון פּיניע רינגעלבלום

4.45—4.30 — מאָדערנער ישראל־פּראָגראַם;

5.00—4.45 — „קאַליידעסקאָפּ אין ענגליש.

זונטיק 10.30 — 10: ווונטש און פּאָפּולערע קאָנצערטן, „לאָמיר זיך דורכשמועסן" מיט הרב חיים גוטניק, אָרטיקע קולטור־נייעס אָנגעפירט פון יאַשאַ שער;

11.00 — 10.30: ענגליש־העברעישער פּראָגראַם פון פאַרשידנאַרטיקן אינהאַלט.

---

מיר דריקן אויס אונדזער
טיפסטן מיטגעפיל

**פר' י. פּושעט און משפחה**

צוליבן טויט פון זייער
פרוי און מוטער

**שרה פּושעט ע"ה**

„קדימה"־קאָמיטעט

סטיל אינדוסטרי. דעם בית־עלמין האָבן אָנגעהויבן צו פאַרניכטן די דייטשן, און די פּאָלאַקן האָבן די אַרבעט געענדיקט. מען האָט אפילו נישט איבערגעלאָזן אַן אויפֿשריפט, אַז אויף דעם דאָזיקן אָרט רוען די ביינער פון די שטעטלישע ייִדן. אין מיינע אויגן איז דאָס שטעטל א בית־עלמין. איך בין ארומגעגאַנגען איבער די גאַסן און יעדעס הויז האָט מיר אויסגעזען ווי אַ מצבה נאָך א ייִדישער משפחה. דאָס גאַנצע שטעטל האָט געמאַכט אַן איינדרוק ווי עס וואָלט איינגעזונגען.

אויף די ערטער ווו עס זענען געשטאַנען די שול, די מקווה, בית־המדרש, וואַקסט ווילד גראָז. טראָץ דעם וואָס עס זענען אדורך כמעט 40 יאָר.

וואַרשע, די שטאָט ווו עס האָבן אַמאָל געלעבט 330 טויזנט ייִדן, איז היינט כמעט ייִדן־ריין, קיין גענויע סטאַטיסטיק איז נישטאָ. מען שאַצט די צאָל ייִדן אין פּוילן אויף 5 טויזנט. לויט די באַקומענע אינפאָרמאַציעס זענען פאַראַן אין פּוילן 17 ייִדישע קולטור־קלובן אין 17 שטעט, וועלכע פירן אַ געוויסע קולטור־טעטיקייט. די פאָלגנדע ייִדישע אינסטיטוציעס עקזיסטירן אין פּוילן: דער קולטור־פאַרבאַנד, דאָס איז די דאַך־אָרגאַניזאַציע פון די 17 קלובן, ייִדיש־פּוילישע צייטונג „פאָלקס־שטימע", וועלכע גייט ארויס איין מאָל אַ וואָך, דער רעדאַקטאָר איז קוואַטערקאָ; דער ייִדישער היסטאָרישער אינסטיטוט אין וועמענס אָנפירערשאַפט שטייען מענטשן, וועלכע עס קומט זיי שווער אָן צו רעדן ייִדיש. דער אינסטיטוט געפינט זיך אין אייגענעם הויז פון דריי שטאָק, מיט אַ רייכן אַרכיוו, בילדער־אויסשטעלונג פון אומגעקומענע מאָלער, און פיל אויסגעשטעלטע מאַטעריאַלן פון חורבן.

און צום לעצט „דאָס ייִדישע טעאַטער", וועלכע האָט אַ טרופּע פון 36 אַרטיסטן, צווישן זיי 6 פּוילישע אַרטיסטן, וועלכע האָבן זיך אויסגעלערנט ייִדיש. דער דירעקטאָר פון טעאַטער איז שומרעי. דאָס טעאַטער שפּילט 4 מאָל אַ וואָך, איך האָב בייגעוווינט איין פאָרשטעלונג פון גאָלדפאַדנס „קאָמעדיאַנטן" זייער גוט געשפּילט און אויף אַ הויכן ניוואָ. אין די זומער־חדשים פאָרט דאָס טעאַטער באַזוכן אַנדערע ייִדישע ישובים אין אייראָפּע. די באַזוכער פון טעאַטער זענען: פּאָלאַקן, ייִדן, דייטשע טוריסטן. די וועלכע פאַרשטייען נישט קיין ייִדיש, באַקומען אויערטרייבלעך, דורך וועלכע זיי הערן אַן איבערזעצונג פון דער פאָרשטעלונג. דער ייִדישער קולטור־פאַרבאַנד האָט צו זיין דיספּאָזיציע אַן אָפּרו־הויז אין שרודבאָרוו (30 קילאָמעטער פון וואַרשע) אין וועלכן עס פאַרברענגען אין די זומער־חדשים ארום 100 ייִדן פון פאַרשידענע שטעטלעך.

פאַר אַ ייִד, וועלכער געדענקט דאָס ייִדישע ברויזנדיקע לעבן אין פאַרמלחמהדיקן פּוילן, די וואַרשעווער גאַסן פול מיט ייִדן, איז אַ באַזוך אין היינטיקן וואַרשע, ווו די גאַסן זענען אויסגעליידיקט פון ייִדן, און די פאַרבליבענע ייִדן דרייען זיך ארום ווי שאָטנס, וועלכע זוכן אַ ביסל זון, נישט קיין אָנגענעמע איבערלעבונג.

פון אַמאָליקן ברויזנדיקן ייִדישן לעבן אין פּוילן, איז געבליבן דער געטאָ־מאָנומענט, דאָס איז דאָס איינציקע אָרט אין פּוילן, ווו מען קען בלייבן שטיין און זיך באַהעפטן מיטן אַמאָל. דער מאָנומענט איז זייער אָפּגעלאָזן, אַ גאַנצע ריי מאַרמאָרענע פּליטן זענען געפּלאַצט, אויפשריפטן זענען אָפּגעריבן.

צומאָרגנס ווען איך האָב זיך געטראָפן מיט איינעם פון די אָנפירער פון ייִדישן לעבן אין פּוילן, און געצויגן זיין אויפמערקזאַמקייט אויף דער אָפּגעלאָזנקייט פון דעם געטאָ־מאָנומענט, האָט ער מיר געענטפערט:

— וואָס מיינט איר, אַז אונדזער רעגירונג איז אַזוי רייך ווי אייער רעגירונג? ווו זאָל זי פּריער אויסגעבן דאָס געלט וואָס זי האָט? איך האָב אים געענטפערט, אַז די פּוילישע רעגירונג האָט געירשנט גענוג ייִדישע פאַרמעגנס און עס דאַרף סטייען אָפּצוהיטן דעם איינציקן מאָנומענט. די אויטאָבוסן מיט טוריסטן וועלכע קומען צום מאָנומענט שטעלן זיך אָפּ אויף אַ מינוט צוויי, מען זאָגט אַ פּאָר ווערטער און מען פאָרט ווייטער. זיי גיבן נישט די מעגלעכקייטן די טוריסטן אַראָפּצוגיין און זען דעם מאָנומענט. דער געטאָ־מאָנומענט געפינט זיך אויף ראָג גענשע און זאַמענהאָף, וועלכע זענען אַמאָל געווען דער צענטער פון ייִדישן וואַרשע. אויף די חורבות זענען היינט אויפגעבויט נייע גאַסן און פּלעצער.

אַלע שפּורן פון ייִדישן לעבן זענען פאַרווישט געוואָרן. די אַמאָליקע תפיסה, דער „פּאַוויאַק" ווערט אָפּגעהיטן ווי אַ נאַציאָנאַלער מוזעאום, ווו די דייטשן האָבן געפּייניקט פּוילישע בירגער, אַנטקעגן דער תפיסה שטייט אַ בוים צו וועלכן עס זענען צוגעפּעסטיקט קלאַפּסידרעס מיט נעמען פון אומגעבראַכטן פּוילישע בירגער, אויף יעדער קלעפּסידרע געפינט זיך א צלם מיט אותיות ש.פּ. דאָס איז אַ סימן פון אַ קאַטאָליק, און צווישן זיי געפינען זיך פיל ייִדישע נעמען. די רעגירונג האָט ארויסגעלאָזן אַ בוך וועגן דער מאַרטיראָלאָגיע פון קינדער אונטער דער אָקופּאַציע. אין דעם בוך זענען באַשריבן גענויע פאַקטן וועגן דעם אומקום פון קינדער און יוגנט און אַ גאַנצע ריי פּאָטאָס, וועלכע זענען אונדז באַקאַנט פון דער חורבן־ליטעראַטור, אָבער קיין וואָרט, אַז עס האָבן געלעבט און זענען אומגעקומען ייִדישע קינדער.

צוגלייך מיט דער פּאָליטיק פון פאַרשווייגן דעם אומקום און די העלדישקייט פון פּוילישן ייִדנטום, לאָזט אָבער די רעגירונג נישט פאַרגעסן דעם נייעם פּוילישן דור, דעם ייִד דעם „אויסנוצער", דעם „פאַרעטער" פון פּוילישן פאָלק, דעם „בלויטזויגער".

אין פּוילן לעבן איצט פּאָלאַקן, פון וועלכע אַ גרויסער טייל ווייסט נישט ווי אַ ייִד זעט אויס, אין די קירכעס העצט מען נישט קעגן ייִדן. עס וואָלט אויסגעוואַקסן אַ דור, וועלכער וואָלט געווען גלייכגילטיק צו ייִדן, נישט ארומגעטראָגן זיך מיט א שינאה צו ייִדן, אָבער די מאַכט־אָרגאַנען טוען אַלץ כדי נישט דערלאָזן צו דעם. עס קומען פון צייט־צו־צייט ארויס קלאַנגען, אַז די אַמאָליקע פירער פון לאַנד האָבן געהאָט ייִדישע פרויען, און אַז ווען עס זענען פאָרגעקומען זיצונגען פון הויכע אינסטאַנצן, איז צומאָרגנס די ראַדיאָ סטאַציע „פריי אייראָפּע" געווען אינפאָרמירט וועגן אַלץ, וואָס עס איז געוואָרן גערעדט און באַשלאָסן. אַזוי שנעל ווי מען האָט באַזייטיקט די דאָזיקע פירער, האָט

און רשעותדיקער מאַכט. אויגן רעדן, אויגן דערציילן, אויגן פאַרשטייען זיך...

איך, פון מיין זייט, בין אויך נישט אָפּגעשטאַנען. פון מיר צו אים איז אויך אַמאָל געפלויגן אַ פּעקל. טעג האָט געדויערט, א סך מאָל זיך געשפּילט מיטן לעבן ווי מיט אַ פּילקע. יעדן כמעט אויסגעברענטן סיגאַרעט אַרויסגעשפּיגענעם פון פּאָסטנס מויל האָב איך אויפגעהויבן און דאָס באַהאַלטן אויפן האַרצן. דאָס געטריקנט מיט דער וואַרעמקייט פון מיין לייב און ביינאַכט אין דער פינצטער מערער מיט די הענט ווי מיט די אויגן געבליבן דאָס ביסעלע טאַבאַק אין אַ טיכעלע, וועלכע כ'האָב אָפּגעריסן פון מיין העמד. און ווען ס'איז געקומען די געלעגנהייט, איז דאָס פּעקעלע אַריינגעפלויגן אין קייסעס הענט. ערשט אויף מאָרגן האָב איך באַגעגנט זיין דאַנקבאַרן שמייכל און אַ ווונק מיט אַ ווינקל פון אויג. אַ סימן כ'האָב אים צוגעטראָפן...

ווידער דערציילט מיר עפּעס מיין האַרץ. עס „רעדט" און מיינע אויערן הערן זיך צו: וואָס דערציילסטו האַרץ מיינס, וואָס וואָס זאָגסטו מיר פּאָר? כ'פיל, היינט וועט עפּעס זיין מערער ווי אַ שמייכל—און מערער ווי אַ ווונק...

די זון ענדיקט איר שפּאַציר, זי קלייבט זיך אין איר רו. דער טאָג האַלט ביים פאַרגיין. נאַרסטו מיך מיין האַרץ? אָדער ס'איז נאָך דאָ צייט, מעג איך בעטן ביי דיר גאָט זאָלסט אַביסל צוהאַלטן די זון?...

אין מיר לאַכט עפּעס א לאַנג פאַרגעסענער פּסוק פון מיינע שול־יאָרן: שמש בגבעון דום, בעמק אילון...

כ'בין שוין אַ גרויסע צו וואָס מאַך איך זיך נאַריש. קען אַ האַרץ אָפּנאַרן? אָבער די זון איילט זיך...

„העי דו" ! — איך דערפיל די לופּע פון אַ ביקס אויף מיין פּלייצע, כ'קער אום מיין פּנים און דערזע פאַר זיך דאָס נאַרישע און האַמעטנע פּרצוף פון אונדזער פּאָסטן.

ער באַפעלט: „לאַוף שנעלי!". הינטער דעם גרויסן הויז ליגן ברעטער, ברענג צוויי. דעם שטיק שאָסיי מוזט איר נאָך היינט צואַרבעטן"...

כ'ווער רויט אויפן פּנים, האָט ער געטראָפן מיינע געדאַנקען?... כ'לויף, ס'האַרץ האַקט און זעצט, דאָס נישט פאַרענדיקטע הויז איז ביים וואַלד. ס'איז שטיל אַרום מיר. דיביימער, ווי זיי וואָלטן זיך געשושקעט אַן אייביקן סוד. די שפּעטע שטראַלן פון דער זון שפּיזן דורך דעם וואַלד. איך בין אַליין. אליין?...

ליילאַ, ליילאַ! אַ פאַרשטיקטער רוף און אַ לאַנגער שטילער פּיף ווי פון אַ נישט דאָאיקן פויגל שנײַדט דורך די לופט. אוי! אין טיר פון דעם נישט פאַרענדיקטן הויז ביים וואַלד איז געשטאַנען קייס, געשטראַלט צו מיר מיט זיינע צוויי בלויע הימלען און מיך גערופן. כ'שפּרינג איבער די ברעטער און פאַל אַריין מיט אַ האַלבן קערפּער אין הויז. קייס וואַרט נישט ביז כ'וועל זיך אויפשטעלן. ער ציט מיך אריין אין דעם נישט פאַרענדיקטן הויז, זיינע הענט זענען שטאַרק און פלינק. „האָסטו געוווסט, אַז כ'וואַרט שוין אַ סך מאָל אויף דיר אין דעם הויז" ? ניין! טרייסלט זיך ארויס אַן ענטפער פון מיין מויל, „טאָ ווי האָסטו געוווּ?!", כ'ווייס נאָך איצט אויך נישט...

ער גלעט צערטלעך מיינע הענט, וועלכע זענען צעבלוטיקט פון די שטיינער און קושט מיינע אויסגעדאַרטע באַקן און ווישט אַראָפּ מיט זיינע ליפּן מיינע געזאַלצענע טרערן.

ברעטער, צוויי ברעטער דאַרף איך, כ'מוז צוריק, ציטערט מיין לייב אינגאַנצן...

ליילאַ, זיי בראַוו! און קייס איז פאַרשוווּנדן אין וואַלד.

אויף אַ ברעט זענען געבליבן ליגן פאַר מיר דריי מתנות: אַ קעמל, אַ גרויסע נאָדל און אַ ווייס טיכל, וועלכע האָט גלייך איינגעזאַפּט דאָס בלוט פון מיינע הענט...

---

פּאָל אַלקריש

# פוילן פון דער נאָענט

**(רייזע איינדרוקן)**

דער געדאַנק צו באַזוכן די לענדער הינטער דעם „אייזערנעם פאָרהאַנג", ספּעציעל די לענדער מיט וועלכער אונדזער דור איז געווען אַזוי שטאַרק געבונדן איז נישט זייער פּאָפּולער. עס ליגט אונדז אלעמען אין זכרון די ראָל וועלכע די באַפעלקערונג פון די לענדער האָט געשפּילט ביים אומברענגען אונדזערע נאָענטע.

אויב עס גייט וועגן דעם לאַנד פון אונדזער געבורט — פוילן — איז דאָס גאַנצע לאַנד פאַר אונדז א בית־עלמין און עס גלוסט זיך טיילמאָל צו באַזוכן די קברים פון אונדזערע נאָענטע, צו שטיין אַ פּאָר מינוט ביים קבר, פאַרבינדן זיך מיט די אַוועקגעגאַנגענע, לאָזן פאַלן אַ טרער.

עס שטעלט זיך אויך די פראַגע: עס לעבט אין פוילן אַ קליינער יידישער ישוב, צי דאַרף מען אָנהאַלטן אַ קאָנטאַקט מיט דעם דאָזיקן ישוב? דאַרף מען צוגעבן מוט די לעצטע „מאָהיקאַנער", וועלכע לעבן אין אַרבעטן אין זייער שווערע באַדינגונגען?

באַזוכנדיק פוילן, האָב איך זיך געשטעלט אַ ציל: באַקענען זיך מיטן יידישן ישוב און צו באַזוכן די קברים פון מיין משפּחה.

איך בין געפאָרן באַזוכן מיין היימשטייט און גלייך פאַרפאָרן צום „גוטן אָרט". צוקומענדיק צו דעם אָרט ווו דער בית־עלמין האָט באַדאַרפט זיין, בין איך אומרואיק געוואָרן, נישט זעענדיק קיין סימן פון אַ שטיין. ס'איז אָנגעקומען אַ פויליש מיידל, האָב איך זיך געפרעגט, — ווו איז דער בית־עלמין? האָט זי מיר געענטפערט: — דו שטייסט אויף אים. אין דעם דאָזיקן שטעטל איז נישט געבליבן קיין סימן פון קיין יידישן ישוב, וועלכער האָט דאָ געלעבט עטלעכע הונדערט יאָר, אויפגעבויט אַ טעק־

קען מען אזוי שפּייען מיט פייער. נישט איך האָב שוין קיין כוח און נישט קיין חשק... דער פּאָסטן שרייט איבער אונדז, נאָר אין דעם געבייזער פּילט זיך אַ פון „יוצא וועגן". אַזוי לאַנג געשריען און געשלאָגן און מיטאַמאָל זאָל דאָס אויפהערן. אויף אזוי פיל נאָבל און ברייטהאַרציק איז ער נישט...

מיר זענען אַלע אויף אונדזער אַרבעטס־פּלאַץ, מיר רייסן די אַלטעביימער, ביי וועלכע די וואָרצלען צעגייען זיך טיף און ברייט. זיי פאַלן מיט ריזיקע קרעכצן און צעשטערן די שטילקייט פון וואַלד. מיר בויען אַ שאָסיי דורכן וואַלד פאַר דער אַרמיי. מיר ווייסן שוין אַליין נישט פאַר וועמען מיר אַרבעטן, פאַר די דייטשן אָדער פאַר די רוסן...

זיצן אונדזערע ווייבלעך געבויגענע מיט לאָפּאַטעס, אַ גראָב, אַ גריבל, אַ לייג אַ שטיין און אַ קלאַפּ מיטן העמערל. „פאַרגעסט נישט קינדער צו איינשפּייען די שטיינער. און די הויפּט־זאַך דעם שפּרוך—פאַר די דייטשן צו אַנטלויפן, פאַר די רוסן נאָכצולויפן"...

„ס'איז אונדז שוין טרוקן אין מויל שפּייענדיק. די צונג איז מיר שוין ווי אַ ברעטל" — זאָגט חיה'לע די ווילנערין. נו, ס'וועט מוזן זיין גענוג דער שפּרוך אַליין...

מיר איז היינט באַזונדערס גוט אויפן האַרצן. וואָס איז די גדולה? ווער האָט עס מיר אין מיין אומגליקלעכער שקלאַפעריי אַזוי גליקלעך געמאַכט? וועל איך אייך פאַר־טרויען א סוד, דאָס איז קייס. ווער איז קייס? קייס איז אַ יונגער האָלענדער מיט גרויסע בלויע אויגן פון וועלכע דאָס קינדערשקייט איז נאָך נישט אַנטרונען. מיט בלאָנדע געדיכטע האָר און אַ שיין ליכטיק פּנים, אָנגעגאָסן פול מיט גוטמוטיקייט און אַ מויל מיט אַרויסגעהאַקטע ציינער. אַ מתנה פון די „נאָבעלע הערשער", דערפאַר טאַקע פאַלן אים אַביסל איין די פולע מיידלשע ליפּן, ווען ער לאַכט, פאַרגעסנדיק אָן זיינע ציינער. טוט ווי דאָס האַרץ קוקנדיק אויף אים. ער דערמאָנט זיך שטענדיק אין מיטן לאַכן און דריקט שנעל צוזאַמען זיינע פולע ליפּן און אַ טרויער פאַרציט זיך איבער זיינע פאַר ליכטיקע הימלען. אָרעמער קייס!

כ'וויס נישט מיט וואָס כ'בין אים געפעלן, צי מיט מיינע גרויסע און שטענדיק הונגעריקע אויגן, צי מיט מיין צעריסענעם ווינדל, וועלכע האָט צוגעדעקט מיינע צוריק אָפּגעוואַקסענע האָר מיט גרויסע טונקל־ברוינע לאָקן, ווי זיי וואָלטן זיך געריצט מיט די דייטשן... צי מיט מיינע פאַרשמירטע גאַטקעס מיט די צווי באַזונדערע קלומפּעס, וועלכע כ'האָב געטראָגן אויף מיינע פיס. נאָר ווי עס זאָל נישט זיין, שטענדיק האָבן זיינע בלויע הימלען מיך געזוכט און ווען זיי האָבן זיך געטראָפן מיט מיין יידישן צער האָבן זיי צו מיר געשמייכלט אַזוי, אַז ס'האָט מיך געמאַכט פאַרגעסן אָן אַלץ. די מיאוסע וועלט איז געוואָרן אַ שיינהייט...

היינט אינדערפרי ווען זיי האָבן פאַרביימאַרשירט מיט אַ פייפעריי פאַרביי אונדז, האָט קייס געגעבן צו מיר אַ ווונק. חיה'לע, די וואָס זיצט נעבן מיר ביים זעצן די שטיינער איז מיך מקנא: „דיינער האָט דיר שוין צוגע־וווּנקען, קענסט שוין שאַרפן דיינע ציינער. ער וועט דיר שוין ברענגען עטלעכע סקאָרינקעס, ס'איז אַ גליק וואָס ער האָט נישט קיין ציינער, און כאַ־כאַ־כאַ!

איך לאָז דורך איר לאַך, ווי נישט מיך מיינט מען. מיין האַרץ וואַקסט און וואַרט... אומזיסט ווינקט נישט קייס. ווען ער האָט גאָרנישט, באַקומט ער אַ פאַרשולדיקטן שמייכל. ס'איז נאָר אַ פראַגע ווי אזוי ער וועט מיר איבער־געבן דאָס וואָס ער האָט פאַר מיר. מיר טאָרן נישט רעדן און מיר טאָרן זיך נישט אָנקוקן אפילו. אַלץ איז געגנבעט. זיי, די האָלענדער, היט מען נישט ווי אונדז. זיי זענען האַלב פריי און האַלב פאַרשקלאַפט.

די זון שיינט און וואַרעמט און איך בין גליקלעך און נערוועז. פאַר אונדז זיך צו טרעפן מיט אַ האָלענדער, קומט טויט־שטראָף. קייס ווייס דאָס, און האָב מורא צו ריזיקירן מיט מיין לעבן. דאָס ערשטע מאָל, ווען מ'האָט די האָ־לענדער געבראַכט אונדז צו העלפן אָפּגראָבן דעם באַרג, וועלכער האָט געשטערט דורכצופירן דעם שאָסיי, האָבן זיי מיט אודז געאַרבעט איין טאָג, אָבער דער איין טאָג איז געווען גענוג אַריינצוברענגען אַ יום־טוב אין אונ־דזערע הערצער, און אַ צאָרן אין די הערצער פון די פאָסטנס. זיי האָבן אונדז געשאָלטן, געשלאָגן מיט די לאָ־פּאַטעס. פון אונדזערע פרויען האָט גערונען דאָס בלוט פון די קעפּ, הענט און מיילער, אָבער די עקשנות, דעם ווילן און די פרייד האָבן די לאָפּאַטעס נישט געקענט אויס־האַקן פון אונדז. אונדזערע אויגן האָבן זיי באַגלייט מיט טרויער און באַגעגנט מיט פרייד, ווייל זייענדיק ארומ־גערינגלט אַזוי לאַנג מיט חיות רעות באַצויגענע מיט עס־עס קליידער, האָבן די שיינע און נאָבעלע האָלענדער אויפגעוועקט אין אונדז דאָס, וואָס די דייטשן האָבן זיך געמיט אין אונדז אָפּצוטויטן.

דאָס דערשיינען פון די האָלענדער האָט אונדז געמאַכט דערמאָנען, ערשטנס, אַז מיר זענען מענטשן, און צווייטנס, אַז מיר זענען פרויען.... חוץ זייער באַוווּנדערן אונדז, האָבן מיר געזען אין זייערע אויגן דעם טרויער, וואָס עס רופן אַרויס די אומגערעכטיקייטן, וועלכע מ'איז לגבי אונדז באַגאַנגען, און דאָס איז געווען פאַר אונדז ניי און ליב.

יעדן פאַרנאַכט ווען זיי זענען געגאַנגען פריער אַהיים פון זייער אַרבעט, פייפנדיק האָלענדישע פאָלקס־לידער, זענען איבער אונדזערע קעפּ געפלויגן קליינע פעקעלעך, שטיקעלעך ברויט באַשמירט מיט מאַרמעלאַדע און מיט מאַרגאַרין, פאַר די „זינד", אויב דער פאָסטן האָט דערזען, זענען זיי שוין לאַנג געשטאַנען אויפן „אַפּעל". דאָס האָט זיי אָבער נישט אָפּגעהאַלטן צו טאָן דאָס וואָס זיי האָבן געוואָלט טאָן. אַנדערע פון זיי האָבן געצאָלט געלט־שטראָף פאַר אַ קוק, פאַר אַ שמייכל, פאַר אַ באַגלייטן מיט די אויגן...

שנעל ווי אַ בליץ לויפט דורך אין מיין געדאַנק די „באַקאַנטשאַפט" מיט קייס, זיין שטימע האָבן איך נאָך נישט געהערט, זיין האַנט נישט געפילט, אָבער אונדזערע אויגן קענען זיך. צוויי פאָר אויגן האָבן זיך באַקענט, אין אַ פרעמד און ווייט לאַנד, פאַרשקלאַפט אונטער אַ ווילדער

שעם זיך! אין אַזאַ שײנעם טאָג אַרײַנשטעקן די נאָז אין פּאַפּירלעך?... קום, קום מיט מיר, סערזש און אונדזערע באַקאַנטע גײען צו די „רײסעס". אַ זײער אינטערעסאַנט פּאָרל. װעסט זען, װעסט נישט באַדױערן.

פלאָראַ איז נאָך געװען אין די פּאַפּיליאָטן, װײַזט אױס, אַז זי װיל הײנט געפֿעלן װערן. מרים האָט זי גוט געקענט. אַלעמאָל אַ פֿרײלעכע, מיט לאַכנדיקע פֿונקען אין די בלױע אױגן, װאָלט זי געפּאַסט פֿאַר אַלצדינג אין דער װעלט אױסער פֿאַר אַ לערערקע. יענע האָט נישט געהאַט מיט אירע שילערינס אַזעלכע פּראָבלעמען װי זי, מרים לערנער האָט. אירע בליקן אױף דערציִאונג זענען ראַציאָנעלע און פּשוטע װי זי אַלײן איז עס — אָן קאָמפּלעקסן.

— דו, סעירא, טענהט זי אָפּט צו שרהן, װילסט דער־לאַנגען דײַנע סטודענטינס אַלע פּראָבלעמען אױף אַ טע־לער — פֿאַרגעס װעגן דעם דעם! װען דײַנע צע־פּיעשצעטע מײדלעך װעגן אױפֿװאַקסן. אַרומקוקן זיך און דערזען דאָס לעבן אױף דער װאָר, נישט װי עס איז באַשריבן אין די ראָמאַנען, װעלן זײ זיך אױספּאָרען מיט זײערע פּראָבלעמען, װי איך און דו גיבן זיך אַן עצה מיט אונדזערע.

טרעפֿט זיך בײַ מיר אַן ענין, אַ צו האַרטע נוס, לאָז איז עס איבער פֿאַר אַנדערע. דאָס לעבן איז קורץ און יעדער טאָג װאָס גײט אַװעק װעט נישט צוריקקומען. אַ שאָד צו פּטרן אים אױף סטערילע גריבלענישן.

דאָס איז גוט פֿאַר זײ, האָט מרים געטראַכט אין זיך. אַ ײדישער לערער האָט אַ שװערערע אױפֿגאַבע. ער דאַרף דערציִען צװײ פּערזענלעכקײטן אין אײן פּערזאָן — דעם מענטש און דעם ײד. איך דערצי ײדישע מײדלעך, זײ װעלן דאַרפֿן װערן די צוקונפֿטיקע טרעגערינס פֿון דעם מענטשלעכן און ײדישן פּלעמל, איבערצוגעבן צו זײערע קינדער דעם ײדישן מין פֿון „ואהבת לרעך כמוך".

די לערערקע לערנער האָט נאָכאַמאָל איבערגעלײענט די טעזן, און אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט. שרה־מרים, זײ ערלעך מיט זיך!

זי װײסט, אַז זי טאָר נישט פֿאַרדאַרבן בײַ די קינדער דעם גלױבן אין הומאַניזם, אין דער פֿרײַנדשאַפֿט פֿון מענטש צו מענטש — אָבער װי קען זי רעדן װעגן דעם גרױסן חלום, דערװעקן בײַ זײ די האָפֿענונג אױף אַ בע־סערער װעלט נאָך דער שױדערלעכער בלוט־באַד, אין װעלכער אַ דריטל פֿון פֿאָלק איז דערטרונקען געװאָרן!

אירע אױגן זענען פֿײַכט געװאָרן. זי האָט נישט מער קײן אילוזיעס. גענוג טרױמען האָבן זיך שױן אין איר איבערגעבראָכן.

פּאַמעלעך האָט זי צונױפֿגעלײגט די פֿאַרשריבענע פּאַפּירלעך און מיט שטײף פֿאַרפֿרעסטע פֿינגער צעריסן זײ אױף פּיצלעך. זי האָט געקוקט אױף דעם הױפֿן פּאַפּיר־לעך, װאָס איז געפֿאַלן װי שנײעלעך אין אָפּפֿאַל־קױבער װי אױף אױף אָפּגענוצטע קאָנפֿעטיס.

זי האָט אַ טראַכט געטאָן: — „קאָנפֿעטיס זענען שײן אײדער מען באַנוצט זײ — פּונקט װי דער „ואהבת לרעך כמוך".

די לעצטע דרײַ װערטער „ואהבת לרעך כמוך" אַרױס־געגעדטע אױפֿן קול זענען אין דער שטילקײט פֿון צימער געפֿאַלן בלײַאיק אױף איר צעטומלטן געמיט.

לאה זילבער

# „דרײַ מתנות"

צוגעשיקט פֿון מאָנטרעאָל

**װעגן ליכטיקע מענטשן אין אַ פֿינצטערער צײַט, מאַי 1944. (פֿון עמק הבכא)**

אַז דער פֿרילינג האָט אָנגעפֿאַנגען צו קלאַפּן אין אַלע טירן פֿון דער װעלט, האָט ער, די האַלב־אײַנגעזונקענע טיכלעך פֿון אונדזערע באַראַקלעך, װעלכע זענען געװען אױסגעשטעלט אױפֿן גרױסן און זאַמדיקן פּלאַץ, אױך נישט דורכגעלאָזן און געמאַכט אױפֿװאַכן די פֿינף הונדערט יונגע הערצער אין זײערע אױסגעדאַרטע און אױסגעהונגערטע גופֿים. ס'האַרץ האָט פֿון גאָרנישט געװאָלט װיסן, ס'האָט זיך געריסן צו די בלױע הימלען, דאָרטן, האָט דאָס האַרץ געװוסט, אין יונגער טיפֿער און רײנער בלױקײט האָט זיך שױן װי עס װײַזט אײַנגעשטעלט דער פֿרידן...

די הימלען האָבן זיך שױן געבעטן בײַ דער ערד: עד מתי װעט איר אָנזאַפּן די ערד מיט בלוט, כ'בין אײַך מוחל! מײַנע רעגנס זענען גענוג שטאַרק אַרױסצוציִען ברױט און בלומען פֿאַר אַלעמען. אַפֿילו פֿאַר בהמות און חיות, װערים און פֿײגל. טאָ הערט זיך אױף צו פֿלײסן מיט אײַערע מלחמות, איר נישטיקע ברואים! איר קענט אַפֿילו נישט באַשטימען אײַער אײגענעם גורל! טאָ, װאָס רײַסט איר זיך און לאָזט דעם אַלמעכטיקן באַשעפֿער נישט רוען אין זײַן אײביקײט! פֿאַרװאָס שטערט איר „דאָס מעשה בראשית בכל רגע" און אָנשטאָט דעם האַלט איר „אים" אין אײן אונטערטראָגן רױך, בלוט און דעם עיפּוש, װאָס דער טױט לאָזט נאָך זיך!... האָט נישט דער באַשעפֿער פֿון אַלע װעלטן אײַך געגעבן אַ װעלט פֿאַר זיך, מיט אַלע באַקװעמלעכקײטן, א רחבותדיקע, אַ גרױסע און אַ ליכ־טיקע. איר נישטיקע באַשעפֿענישן! איר מאַכט, אַז דער באַשאַפֿער זאָל זיך שעמען מיט זײַן באַשאַף.

די הימלען שײנען און גלאַנצן און די פֿינף הונדערט שקלאַפֿינס פֿרײען זיך, די אױגן שמײכלען... װײל טיף, טיף אין דער נשמה האָט זיך פּאַמעלעך אױפֿגעשלאָסן אַ שלעסעלע און געעפֿנט אַ טירעלע און אַרײַנגעלאָזט צוריק דאָס פֿאַרלױרענע אוצרל, װעלכער טראָגט דעם נאָמען האָפֿנונג און באַלײַכט דאָס אינעװײניקסטע פֿינצ־טערנישט מיט אַ שטילער און העלער פֿרײד...

דער אײביק פֿאַרכמורעטער פּאָסטן שמײכלט אױך הײַנט, אַפֿילו די ביקס אױף זײַן אַקסל האָט זיך הײַנט צע־שײַנט אַנטקעגן דער זון, װי עס װאָלט זיך גערײט; װי לאַנג

דיין חבר" — אַן אַבסטראַקטער קאַלירפולער זייפנבלאָז. עס איז זייער שיין, נאָר נישט בינדנדיק, עס איז אַ ווונטש, אַ פיינע עצה — נישט מער.

דאָך האָט די מענטשהייט אין איר אייביקן געראַנגל פאַר אמת און יושר, אַ געראַנגל, וואָס וועט דויערן ביז דער לעצטער מענטש וועט עווענטועל פאַרשווינדן פון דער אויבערפלאַך פון דער ערד — זיך אַ קער געטאָן צום אַלטן מאָראַלישן אימפּעראַטיוו, און געפרוווט אים אויפלעבן אין אַ געריגלטער פאָרעם, אָן דער פשטות מיט וועלכער ער קלינגט אזוי באַצויבערנדיק שיין.

לאָמיר פאַר א רגע אָננעמען, אז די נייע פאָרעם, דער סאָציאַליסטישער אויסטייטש, וועט באַקרעפטיקן די עטישמאָראַלישע סובסטאַנץ נישט נאָר מיטן גוטן ווילן פון מענטש, נאָר מיט וויניקער עטישע מיטלען — מיט געזעצן, און געזעצן, ווי גוט און מילד זיי זאָלן זיין, זענען אַלעמאָל ווי אייזערנע קראַטעס אויף אַ תפיסה־פענצטער.

שרה־מרים האָט זיך פאַרטראַכט. ווען דאָס אירע תלמידות פאַרשטיין? איז עס אפשר צו ברוטאַל פאַר יונגע מוחות אַראָפּצורייסן ס'קרוינבלעטל פון אַ שיינער בלום צוליבן דערגיין צום נאַקעטן שטאָמעלע, צום אמת?

די לערערקע לערנער איז מקנא אירע שילערינס יוגנטלעכן ענטוזיאַזם און לעבנס־פרייד. זי זעט זיי אויף די פויזעס שפּאַצירן אין גרופּקעס צובויגנדיק די קעפּ ווי פאַרליבטע. זי זעט טיילמאָל צוויי חברטעס גייען ארומגענומען מיט די הענט ביי די טאַליעס, שמייכלענדיק צו זיך, פאַראייניקטע מיט אַ בשותפותדיקן אינטימען סוד.

אויף א רגע קומען צוריק אירע אייגענע יוגנט־דערינערונגען, די פאַסטעל־פאַרביקע טרוימען — און שרה־מרים פאַרדעקט זיי גיך מיט אַ קאָנווענציאָנעלן שמייכל. ווי אַזוי קען זי צונעמען פון די קינדער די אילוזיעס מיט וועלכע זייער יוגנט איז פול איבערן אויג?

פלוצלינג האָט זי באַמערקט אַ קורצן זאַץ, וואָס האָט אַ גלי געטאָן ווי אַ פונק אין אַש.

„געזעצן זענען, ווי די ליטעראַטור און קונסט, אַן אָפּשפּיגל פון דער געזעלשאַפט" — און זי האָט אַ טראַכט געטאָן: איז אַן אָפּשפּיגל די רעאַלע ווירקלעכקייט? אַן אָפּשפּיגל קען אָפּנאַרן.

ביי דעם געדאַנק וועגן „אָפּנאַרן" האָט זי אויפגעשוידערט.

— ווי אין די חלומות... אַזוי ווי היינט אידערפרי...

זי האָט נאָכגעפאָלגט דאָס ווייטערדיקע, אירע אייגענע געדאַנקען.

„סאָציאַליזם. די וועלט פון דער צוקונפט. ברידערלעכקייט. מענטשן וועלן זיין גלייכע מיט גלייכע". לאָזונגען, שטרעבונגען אַ מאָל שוין אויסגעבלוטיקטע אין אויפשטאַנדן און רעוואָלוציעס.

איר מוטער, איר גוטע מאַמע איז געווען א פשוטע פרוי, אָן שקאָלעס, אָבער מיט אַ פעיקייט צו זען און אָפּצושאַצן זאַכן מיט אַ קלאָרן פאַרשטאַנד.

— מרימל! — פלעגט זי רופן איר טעכטערל — זע נאָר וואָס סאַרע שיינע בלימעלעך איך האָב געקויפט לכבוד שבת... אמת, זיי זענען שיין? אָבער קוק זיך גוט אין — קיין איין בלימעלע איז נישט גלייך צום אַנדערן. איינס איז א ביסעלע גרעסער, אַן אַנדערס איז קרעפטיקער אין דער קאָליר. זעסט מיין קינד, מענטשן זענען אויך אזוי!

שרה־מרים האָט אַ שמייכל געטאָן. די מאַמע איז געווען גערעכט. נישטאָ קיין אינדעטישקייט אין דער נאַטור. זי האָט גענומען לייענען אויפן קול.

„פאַראַנען אַ טעאָריע, אַז באַדינגונען שאַפן דעם מענטש, און אויף דעם סמך האָט מען מיט עטלעכע צענדליקער יאָרן צוריק גענומען עקספּערימענטירן מיט בויען אַ נייע געזעלשאַפט. אָבער, שטעלט זיך אַ פראַגע, וועלן קענען מענטשן לעבן ווי בינען? ווי מוראַשקעס? ווי טערמיטן? און ווייטער, צי איז דאָס געווען אַ טענדענץ פון אַ גאָט צי פון אַ טיוול צו באַשאַפן אַ וועלט מיט אַלצאייניקע בריאומלעך? צו וואָס? אפשר כדי צו קענען זיי האַלטן פעסטער אין צוים? עפּעס שטימט נישט, פאַראַנען אין חומש אַ פאַבל וועגן אַ דור הפלגה. „ווען גאָט האָט דערזען, אַז די מענטשן פון יענער צייט האָבן גענומען בויען אַ טורעם וואָס זאָל גרייכן ביזן הימל, האָט ער צעמישט זייערע לשונות, און די מענטשן האָבן אויפגעהערט צו פארשטיין איינער דעם אַנדערן". עס איז געשאַפן געוואָרן אַ גרענעץ צווישן מענטש און מענטש, און צווישן פאָלק און פאָלק — ווו איז דאָ דער זין דערפון?

— יעקב, זיי אזוי גוט, קום נאָר א הער!

אינמיטן רופן האָט זי אָפּגעהאַקט. זי האָט אים געוואָלט זאָגן: — יעקב, דו האָסט דאָך אַ קלאָרן שכל. אַלעמאָל וואַרפסטו מיר פאָר מיין צעפלאָנטערקייט — טאָ העלף מיר ארויס...

אַ גרימאַסע האָט צעקרומט אירע פולע, אויסדרוקספולע ליפּן. ער וועט איר ענטפערן, ווי ער האָט עס שוין נישט איינמאָל געטאָן, שפּאַסיק:

— מרימל, דאַרפסט זען אַ דאָקטאָר.

זי האָט אָפּגעזיפצט, זיך פאַרטראַכט. זאָל זי ארייננעמען אין דער לעקציע דעם אויסדרוק „אַ גאָט צי אַ טייוול"? דאָס וועט זיכער ארויסרופן ביי מלכהלען, אַ מיידל פון אַ פרומער היים, אַ פּראָטעסט. זי זעט דייטלעך אירע גרויסע, שוואַרצע אויגן איבערפולטע מיט טרערן. עס איז שוין געווען אַזאַ ענלעכער אינצידענט אין קלאַס מיט איר. עס איז געוואָרן אַ טומל, אַ קריגערייַ צווישן מלכהלען און אַנדערע מיידלעך וואָס האָבן געחוזקט פון איר. וואָס שייך די גלייכקייט פון מענטשן, כדי זיי צו האַלטן פעסטער אין צוים ווי נישט געהאָרכזאַמע פערד, וועט עס אויך ארויסרופן פּראָטעסטן. עטלעכע שילערינס קומען פון היימען מיט סאָציאַליסטישע אַנשויאונגען.

זי וועט נישט ארייננעמען נישט גאָט, נישט דעם טייוול און נישט די גלייכקייט. „נאָ ניעט — סודאָ ניעט" זאָגן די רוסן. וואָס וועט בלייבן?...

די לערערקע לערנער, מיט אַ פּראַקטיק פון דרייסיק יאָר לערעריי איז געבליבן זיצן פאַרלוירן ווי א פאַרשפּעטיקטער פּאַסאַזשיר אויף אַ באַן־סטאַציע, ווי אַ צוג גייט פאַרביי איינמאָל אין א מעת־לעת, אָן אַן אויסוועג.

— העלאָ, סעירא!... ביסט נאָך אין מאָרגנראָק?...

# ואהבת לרעך כמוך

י. מ. לעווין

דערציילונג

שרה־מרים לערנער האָט זיך אויפגעוועקט פון שלאָף מיט אַ ברעכונג אין אַלע גלידער און אַ הוילקייט אין קאָפּ, ווי זי וואָלט זיין נאָך אַן אָפּעראַציע אָדער נאָך אַ שווערן חלום פול מיט קאָשמאַרן.

זי איז געלעגן אומבאַוועגלעך מיט האַלב־פאַרמאַכטע אויגן און געפּרוווט זיך איינהערן אינעם געענדערטן, פאַר־פּאַמעלעכטן אינערלעכן ריטעם, וואָס איז געפלאָסן דורך איר קערפּער ווי אַ ריטשקעלע צווישן גראָז, קוים צו דערטאַפּן.

זי האָט זיך נישט געשראָקן. עס האָט איר ארומגע־נומען אַן אייזיקע גלייכגילטיקייט, ווי זי וואָלט זיין נישט זי, שרה־מרים, נאָר אַ פרעמדע אומבאַקאַנטע פרוי. ביסלעכוויז האָבן זיך גענומען אויסשיילן ברעקלעך מחשבות, בילד נאָך בילד, סתם אזוי און שום שייכותן, און אידער זיי האָבן אָנגענומען אַ קאָנקרעטע שאַרפקייט זענען זיי זיך צעשווומען ווי רויך.

נאָר איין בילד, אַ מאָדנע זעאונג, אַן אויסנאַמלעך פיינלעכע, האָט זיך גענומען איבערחזרן בולטער ווי די אַנדערע, מיט עקשנות. שרה־מרים האָט געפּרוווט אוועק־טרייבן עס פון זיך, אַנטלויפן דערפון, ווי מען שטויסט אַוועק פון זיך אַ נישט ניחהדיקע דערמאָנונג, און נישט געקאָנט.

אין אַ ווינקל פון איר האַלב־וואַכן באַוווסטזיין האָט זיך געצונדן אַ וואָרענונג:

— שרה־מרים, לאָז עס נישט גיין צו וויט!

אָבער אַן אַנדער כוח, אַן אומבאַקאַנטע באַהאַלטענע קראַפט, האָט גענומען די אויבערהאַנט.

...זי זעט זיך שטיין אין קלאַס, רעדט צו די קינדער און מיטאַמאָל וואַקסט אויס פאַר איר די „אַנדערע" שרה־מרים מיט אַן אויסגעשטרעקטן, וואָרענדיקן פינגער:

„שרה־מרים, נאָר נישט די קינדער... גלויבסט דאָך אַליין נישט אין דעם וואָס דו דערציילסט זיי!"

באַפאַלן פון אַ פלוצימדיקן פחד האָט זי ברייט געעפנט די אויגן און אַרומגעקוקט זיך איבערן צימער. דאָס ערשטע וואָס זי האָט דערזען איז געווען דער וועקזייגער ווייזן אַ שפּעטע פאַרמיטאָג־שעה, פאַרוואָס קלינגט ער נישט? ... געוויינטלעך קלינגט ער דאָך אַלעמאָל אַ פּאָר סעקונדן נאָך איר אויפוועקן זיך פון שלאָף. עס שטייט שוין לאַנג צווישן איר און דעם זייגער אַ שטילער אָפּמאַך: — איך וועל דיך אָנדרייען — נאָר דו דאַרפסט מיך נישט וועקן...

זי האָט אַ פיר געטאָן מיט דער האַנט איבער די אויגן. זי האָט זיך דערמאָנט, אַז פאָריקע נאַכט האָט זי אים טאַקע נישט אָנגעצויגן. היינט איז יום־טוב און די שולן זענען געשלאָסן.

מיטאַמאָל איז עס איז ווידער באַפאַלן.

— שרה־מרים, נאָר נישט די קינדער... אַ דין אָדערל אין דער לינקער שלייף האָט כסדר געטיקעט:

— שרה־מרים, נאָר נישט אָפּ... שרה־מרים, נאָר נישט אָפּ...

זי האָט זיך דערמאָנט, אַז אָט די קאָשמאַרע סצענע פלעגט זיך איבערחזרן אין אירע חלומות אין פאַרשידענע וואַריאַנטן. זי קוקט מיט שרעק אויף דעם אויסגעשטרעקטן פינגער:

— שרה־מרים!...

מיט וואָס נאַרט זי זיי? זי מיינט, אז זי איז ערלעך מיט די קינדער און אוודאי מיט זיך. זי גיט איבער אירע געדאַנקען, ווי נאָר מעגלעך, דורכגעטראַכט און באַגרינ־דעט. צווייטנס, עצמדיק איז זי דאָך נאָר אַ הויכרעדערין איבער טעקסטן באַאַרבעטע פון אַנדערע. אפשר זענען די ביכער פאַלש און אָפּנאַרעריש?

אין משך פון יאָרן האָט זי אויסגעאַרבעט אַ מעטאָד פון אַרבעט, וואָס איז געוואָרן אַ געוווינשאַפט. פון איר טיש, וואָס שטייט ביים פענצטער, ביז דער טיר־געמאָס־טענע צען טריט. זי זעט זיך פון דער זייט, ווי זי וואָלט נישט זיין די לערערקע לערנער, נאָר אַן אַנדערע, מיט אַן אַנדערן נאָמען און אַנדערער מענטאַליטעט. אַ מיטל־יאָריקע פרוי שפּאַנט פּאַמעלעך מיט אַ בוך אין האַנט פון פענצטער צו דער טיר און צוריק. זי שפּירט אויף זיך די קינדערס בליקן. זיי פאָלגן נאָך אירע באַוועגונגען, וואָס פאַלן זיך צונויף מיט די סקאַנדירטע פראַזן. אָבער אַ באַזונ־דערע הנאה האָט זי ווען זי קומט מיטן פּנים צום פענצ־טער און די זון טוט אַ שיין אויף מיט גאָלדענע פונקען אין די ברילן. זי זעט אויס גאָר פאַרנעמיק ווען עס געלינגט איר ארויסצוציען אַ נייעם פּאָדעם פונעם קנויל אָנגע־לאָפענע געדאַנקען, און אירע אויגן טוען אַ בלישטשט מיטן פייערל פון זעלבסטצופרידנקייט.

זי דרייט זיך אויס אין דער ריכטונג צו דער טיר — און פלוצלינג באַפאַנט איר אַן אומרואיקייט. זי דער־שפּירט אַ סעקונדע פריער, אַז אָט, ס'וועט געשעען... זי וועט דערזען אין איר שאָטן אויף דער טיר די אַנדערע... די מאָנערין...

— שרה־מרים...

אויף גיך האָט זי ארויפגעוואָרפן אויף זיך דעם מאָרגנ־ראָק, און נישט לויט איר געוווינשאַפט, אַ באָרוועסע, אַ נישט פאַרקעמטע גענומען אויפזוכן די טעזן פון דער לעקציע: ואהבת לרעך כמוך.

— קינדער, איך וועל פּרובירן צו באַלויכטן אין קורצע ווערטער דעם תמצית פון הלל באַרימטן זאָג: — ואהבת לרעך כמוך — די אור־אַלטע אידעע פון פאַר־ברידערונג צווישן מענטש און מענטש — און איר אויס־ווירק אין דער היינטיקער מאָדערנער צייט.

אויבנאויפיק זעט אויס, איז די וועלט, בעסער געזאָגט, אַז די מענטשן וועלכע גלויבן אין תורת משה, און די וועלכע גלויבן אין כריסטוסעס פילאָזאָפיע פון אונטער־שטעלן די אַנדערע באַק א.א.וו. פאָלגן נאָך הלל לערע. אָבער ווען ס'טרעפט ווען איינער דאַרף פאַרקוקן אויף אַן עוולה, וואָס זיין מיטמענטש איז באַגאַנגען קעגן אים, ווערט פון דעם עטישן אימפעראַטיוו „זאָלסט ליב האָבן

מעלבורן. פון דאַנען פאָרט ער קיין סידנעי און אויך דאָרטן גיט ער וואָרט־קאָנצערטן און פירט אויס די פּיעסע „די געלע לאַטע" מיט די סידנעיער אַמאַטאָרן. אויפן פאַרלאַנג פון סידנעיער פען־קלוב שטעלט וויסליץ די זעלבע פּיעסע אויף ענגליש.

סוף 1938 פאַרלאָזט וויסליץ, דער וואַנדערנדיקער טרובאַדור, אויסטראַליע. ער גייט ווייטער אין דער וועלט. דאָס מאָל קיין דרום אמעריקע. ער קומט צוריק קיין אויסטראַליע ערשט אין 1940, שוין אין די מלחמה־יאָרן.

★

אָט האָט נאָר וואָס פאַרלאָזט די מדינה יעקב וויסליץ און שוין איז אָנגעקומען א נייע דערפרייענדיקע ידיעה, אַז די באַרימטע טעאַטער־קינסטלערין, רחל האָלצער, גרייט זיך צו קומען אויף אַ באַזוך קיין אויסטראַליע.

איך האָב די קינסטלערין קיין מאָל נישט געזען שפּילן. אָבער איך האָב געוווּסט די פּאָזיציע, וואָס זי פאַרנעמט אין יידישן טעאַטער. עס קלינגט אפשר מאָדנע, אָבער ס'איז אַ פאַקט: יידיש האָט זי ווייניק געקאָנט. פּויליש איז געווען איר רעדנדיקע שפּראַך. אירע ערשטע דראַמאַטישע שריט האָט זי געמאַכט אויף דער פּוילישער בינע. דאָרטן האָט זי באַקומען אירע טעאַטראַלע אויסשולונג. אין א גאָר קורצער צייט האָט זי, אַ דאַנק איר איינגעבוירענעם טאַלאַנט פאַרנומען אַן אָנגעזעענעם אָרט אין פּוילישן טעאַטער. מיט קאַריערע, ווי אויך מיט פרנסה איז זי געווען פאַרזאָרגט. אָבער איר יידישע נשמה האָט געצויגן צום יידישן טעאַטער. זי לערנט זיך אויס מאַמע־לשון, און גייט איבער פולשטענדיק אויף דער יידישער בינע. ס'איז אַ זעלטענע דערשיינונג, אז אַ יידישער אַקטיאָר מיט אַ געזיכערטן פּאָסטן אויף אַ פרעמדער בינע, זאָל פּלוצלינג ווערן א יידיש־ענטוזיאַסט, און לאָזן זיין קאַריערע אויף הפקר... אָבער האָלצער האָט געהאַנדלט, ווי איר נאַציאָנאַלער שטאָלץ האָט איר דיקטירט, ווו מען האָט איר אַממיינסטנס באַדאַרפט. איז ווערט אַזאַ טאַט צו באַגריסן. דערפאַר איז די פריידיקע ידיעה פון איר קומען צו אונדז געווען פון אַ דאָפּלטער ווערט.

אין פּוילן האָט זי געשפּילט די ווערק פון שלום אַש, שלום עליכם, ה. לייוויק, ש. אנ־סקי, בערגלסאָן. פון דער וועלט־ליטעראַטור — טאָלסטאָי, סטרינדבערג, גאָגאָל, אַרנאָלד צוויג און פיל אַנדערע. רחל האָלצער איז אויך אַ גלענצנדיקע רעציטאַטאָרין און אליין אויסגעפירט וואָרט־קאָנצערטן פון דער יידישער, ווי אויך פון דער וועלט־ליטעראטור. איך האָב זייער אָפט באַמערקט אין דער יידישער פּרעסע פון וואַרשע, איר נאָמען, אַז זי טרעט ארויס מיט רעציטאַציעס אויף פאַרשידענע גרויסע אימפּרעזעס.

מיט אַזאַ באַגאַזש איז רחל האָלצער צוזאַמען מיט איר מאַן חיים ראָזענשטיין דעם צווייטן אַפּריל 1939 „אריינגעשווומען" קיין אויסטראַליע, מעלבורן.

און ס'האָט זיך אַ ריר געטאָן. פון פאַרשידענע גרופּן, ליבהאָבער פון יידישן טעאַטער איז געשאַפן געוואָרן אַ ספּעציעלער רחל האָלצער קאָמיטעט צו העלפן דער קינסטלערין אין איר מיסיע, צוליב וועלכער זי איז געקומען קיין אויסטראַליע. איר ווונטש איז געווען זיך צו טיילן מיט אונדז, מיט דעם גייסטיקן פאַרמעגן, וואָס זי פאַרמאָגט.

איר ערשטער וואָרט־קאָנצערט אין אַ גרויסן זאַל, אין דער „סיטי", פון דער שטאָט מעלבורן, האָט געמאַכט אַ רושם. די גאַנצע ענגלישע פּרעסע האָט געגעבן אָפּשאַצונגען וועגן איר טאַלאַנט און געהאַט מיט איר ספּעציעלע אינטערוויוען. זי איז גלייך איינגעלאַדן געוואָרן אין ענגלישן ראַדיאָ צו געבן נומערן פון איר רייכן רעפּערטואַר.

דער גרויסער אויסטראַלישער שרייבער, וואַנס פּאַלמער, האָט אין איינעם פון זיינע וועכנטלעכע ראַדיאָ־איבערזיכטן געגעבן אַן אָפּשאַצונג וועגן רחל האָלצערס ערשטן וואָרט־קאָנצערט. ער האָט אין זייער האַרציקע ווערטער אונטערגעשטראָכן דעם הויכן קינסטלערישן ווערט פון רחל האָלצערס אופן פון אינטערפּרעטאַציע, אָנווייזנדיק, אז זי איז אין דער ערשטער רייע פון באַדייטנדיקע וואָרט־קינסטלער.

אַזעלכע וואָרט־קאָנצערטן מיט באַלאַנסירטע און געשמאַקפולע פּראָגראַמען האָט זי אויסגעפירט עטלעכע מאָל. מ'האָט געפּילט דעם יום־טוב אין שטאָט.

זי האָט אויפגעפירט אַ פּיעסע „דריי פרויען" מיט דער באַטייליקונג פון שושנה ווייט אין חוה דאַן. אגב, האָט ש. ווייט אויך געשפּילט מיט וויסליצן אין „דיבוק" אַלס לאה.

זי האָט אויך געשטעלט אַ פראַנצויזישע קאָמעדיע „פרוי אַדוואָקאַט" פון ל. ווערנעיל, מיט דער באַטייליקונג פון יאַשע שער, אַ פעאיקער אַמאַטאָר נאָך אין זיין היים־שטאָט ריגע. ער איז נאָר וואָס אַראָפּ פון דער שיף מיט זיין פרוי שולמית, די טאָכטער פון ח' יוסף גיליגיטש. די לעצטע, אַ קוואַליפיצירטע לערערין, האָט געגעבן אַ גרויסן צושטייער דעם יידישן שול־וועזן אין מעלבורן.

רחל האָלצער האָט אויך באַזוכט סידנעי מיט איניקע וואָרט־קאָנצערטן. אויך דאָרטן האָט דאָס קינסטלערישע יידישן וואָרט געהויבן די חשיבות פון יידיש לשון.

אָפּזייענדיק אין אויסטראַליע כמעט אַ האַלב יאָר, האָט די קינסטלערין זיך געגרייט ווידער צו פאָרן אין דער גרויסער וועלט מיט יידישע ישובים. אָבער דער אויסברוך פון דער מלחמה האָט איר געצוווּנגען צו בלייבן מיט אונדז. ווי ווייטיקלעך דאָס זאָל נישט קלינגען, איז עס געווען צו אונדזער טובה. מיטן צוריק־קומען פון וויסליצן האָט זיך אָנגעהויבן א ניי קאַפּיטל פון יידיש טעאַטער. דאָס איז געווען א גליקלעכער זיווג פון צוויי גרויסע בינע־קינסטלער, וואָס האָט דערהויבן דאָס דראַמאַטישע קינסטלערישע טעאַטער צו אַ הויכער מדרגה.

רעליף־פאָנד. ס'האָבן זיך דאַן אויך אָנגעהויבן באַווייזן פּראָפעסיאָנעלע אַקטיאָרן: די ערשטע זענען געווען נתן גינטער (אַ ברודער פון יעקב גינטער) מיט זיין פרוי סאַראַ. זיי האָבן געשפּילט ביז איצט אין די דרום אמעריקאַנער לענדער. אין מעלבורן האָבן זיי געשפּילט א גאַנצע רייע פּיעסן, ווי „מאָטקע גנב" פון שלום אש, „מירעלע אפרת" פון יעקב גאָרדין", „צוויי קוני לעמעל" פון גאָלדפאַדן.

אָנהויב 1937 קומט קיין מעלבורן אברהם ברייזבלאַט, ווי ער רופט זיך אליין אָן: „דער פּראָלעטאַרישער רעצי־טאַטאָר און פאָלקס־זינגער". ער באַווייזט זיך אין א גאַנצע רייע וואָרט און געזאַנג־קאָנצערטן גאַנץ דערפאָלגרייך. ער איז אפילו איינגעלאַדן געוואָרן אין דעם מלוכהשן ראַדיאָ צו געבן אַזאַ קאָנצערט. ער פאַרבינדט זיך מיט דעם „קדימה יידישן טעאַטער ווינקל" און פירט אויס איניקע טעאַטער־רעווי פאָרשטעלונגען, ווי אויך גאָלד־פאַדנס „די כישופמאַכערן", אין איציק מאַנגערס באַאַרבעטונג.

מיטן קומען פון יעקב ווייסליצן, אין יאַנואַר 1938, זענען די אַלע גרופּן טיילוויז געבליבן אין שאָטן, ווייל אויף דער בינע איז געשטאַנען פאַר אונדז א גרויסער יידישער אַרטיסט, וואָס האָט אין דער פולסטער מאָס רעפּרעזענטירט מיט זיך די מאָדערנע יידישע דראַמאַ־טישע קונסט.

זיין ערשטע וויזיט־קאַרטע איז געווען אַ וואָרט־קאָנ־צערט, וווּ ער האָט רעציטירט אַ פראַגמענט פון פראַנקס „דער מענטש איז גוט" און „שיילאָק", דער סוחר פון וועַ־נעדיק פון וויליאַם שעקספּיר. אין זיינע ווייטערדיקע וואָרט־קאָנצערטן ברענגט ווייסליץ פאַר אונדז דאָס בעסטע פון דער יידישער ליטעראַטור, סיי אין פּראָזע און סיי אין פּאָעזיע — פון י. ל. פּרץ, שלום אַש„ ה. לייוויק, משה שולשטיין, משה נאַדיר, ש. אַנ־סקי.

אָבער גלייכצייטיק גייט אָן אַ פיבערהאַפטע צוגרייטונג מיט די מיטגלידער פון דער „יידישער בינע", ווי אויך אַנדערע אַמאַטאָרן, איינצורעזשיסירן דעם רעפּערטואַר, וואָס ווייסליץ פּלאַנירט אויפצופירן בשעת זיין באַזוך אין מעלבורן.

די ערשטע פאָרשטעלונג איז געווען „די געלע לאַטע", אָדער „פּראָפעסאָר מאַמלאָק" פון ד"ר וואָלף. דאָס איז אַ דראַמע, אין וועלכער עס שפּיגלט זיך אָפּ די גזירה, וואָס האָט זיך אויסגעגאָסן אויפן שווער געפּרוּווטן דייטשן יידנ־טום אונטער היטלערס ממשלה ערב דער מלחמה. די פאָר־שטעלונג איז געשפּילט געוואָרן צוויי מאָל מיט גרויס דערפאָלג אין איינעם פון די גרעסטע זאַלן אין יענער צייט, אין טעמפּערענס־האָל. זעכצן הונדערט באַזוכער האָבן געזען די פאָרשטעלונג.

די צווייטע טעאַטער אונטערנעמונג איז געווען „דאָס גרויסע געווינס" אָדער „צוויי הונדערט טויזנט", אַ מאָ־דערניזירטע מוזיקאַלישע קאָמעדיע פון שלום עליכם. די פאָרשטעלונג איז אויך געשפּילט געוואָרן איניקע מאָל מיט גרויס דערפאָלג.

די לעצטע דראַמע איז געווען אנ־סקיס „דער דיבוק". געשפּילט איז זי געוואָרן אין „פרינצעס טעאַטער", וואָס נעמט אריין צוויי טויזנט מענטשן. די קינסטלערישע און רעזשיסאָרישע אויספירונג איז געווען אויף אַזאַ הויכער מדרגה, אַז אפילו די ענגלישע טעגלעכע פּרעסע האָט זיך זייער וואַרעם אָפּגערופן אויף דעם קינסטלערישן ניוואָ, סיי דעקאָראַטיוו און סיי אין דער שפּיל פון גאַנצן אַנסאַמבל.

צוויי זאַכן דאַרפן דאָ דערמאָנט ווערן, וואָס האָבן געענ־דערט דעם אופן פון שפּילן יידיש טעאַטער. און דאָס איז צו פאַרדאַנקען דעם באַזוך פון יעקב ווייסליץ. צוליב דער קליינער יידישער באַפעלקערונג און ספּעציעל יידיש־רעדנדיקע, האָבן די אָרגאַניזאַטאָרן ביז איצט געמוזט „האָקן" אָדער „פּעדלען", מיט בילעטן, כדי ארײנצובאַ־קומען דעם טעאַטער־עולם, האָט מען זיך פאַרמאָסטן אויף אַ געוויסער געוואַגטקייט: איינצושטעלן דעם זעלבן פּרינציפּ ווי דאָס ענגלישע טעאַטער, — קומען אליין קויפן, „בוקן" — באַשטעלן בילעטן. אָבער ווו? אַז דער קאָמיטעט פון די פריינד פון די יידישע שולן אין פוילן, וואָס האָט דורכ־געפירט אַלע ווייסליצעס אונטערנעמונגען האָט אליין נישט געהאַט קיין אייגן ווינקעלע, אָן אייגענעם אַדרעס. מען האָט אָבער געקאָנט זיינע טוערס. זענען די היימען מיט זייערע טעלעפאָנען פון די פריינד מאַניאַ און אברהם היל־דעבראַנד, יהודית און מאיר סילמאַן און פייגע און סענדער בורשטין געשטעלט געוואָרן צו דער דיספּאָזיציע פאַרן דאָזיקן צוועק, דער עקספּערימענט האָט זיך איינגעגעבן.

אַ צווייטע ענדערונג: ביז איצט פלעגט מען שפּילן יידיש טעאַטער מיט אַ סופליאָר. די ראָל פון סופליאָר איז, ווי מיר ווייסן, אונטערזאָגן אָדער דערמאָנען דעם העלד אויף דער בינע אין פאַל אויב ער האָט פאַרגעסן זיין פּראָזע.

ס'פלעגט אויסזען קאָמיש, אַז נישט איינמאָל האָט מען דעם סופליאָר געהערט העכער ווי דעם אַרטיסט אויף דער בינע. מיטן קומען פון ווייסליצן האָט מען די „פּריווילעגיע" פון דעם אַמאַטאָר אָפּגעשאַפט. יעדער איינער, וואָס האָט געוואָלט שפּילן טעאַטער, האָט געמוזט קענען זיין ראָל אויף אויסנווייניק. מען דאַרף דערפאַר אָפּשאַצן, וויפל צייט און ליבשאַפט די אַלע פרייוויליקע אַמאַטאָרן, אַרבעטס־מענטשן, האָבן אַוועקגעגעבן פאַרן יידישן טעאַטער.

די ראָל פון דעם סופליאָר האָט אויסגעפירט סעם פּאָדעמסקי, איינער פון די באַליבטסטע און פאַרדינסטפולע טעאַטער־טוער אין מעלבורן.

אַ גרויסע פייערונג איז פאָרגעקומען מיט ווייסליצן אין דער שפּיץ, ווען מ'האָט פאָרמעל געענדערט דעם נאָמען פון טעאַטער־קרייז „די יידישע בינע" א. נ. „דוד הערמאַן". ווייסליץ איז ארויסגעטראָטן מיט א רעפעראַט וועגן זיין רבין, דוד הערמאַן. דאָ האָט מען געזען ווייסליצן אין אַן אַנדער ראָל. ער האָט געהאַלטן אַ וווּנדערבאַרע רעדע, ווי אַ ליד אויסגעזונגען אין אָנדענק פון זיין לערער דוד הערמאַן. צווישן אַנדערן האָט ער געזאָגט: „וואָס י. ל. פּרץ איז געווען פאַר דער יידישער ליטעראַטור, איז דוד הער־מאַן געווען פאַרן יידישן טעאַטער".

כמעט אַכט חדשים האָט ווייסליץ פאַרברענגט אין

סענדער בורשטין

# אַ ניי קאַפּיטל אין יידישן טעאַטער אין מעלבורן

**מעמואַרן פֿון דער נישט לאַנגער פֿאַרגאַנגענהייט**

אַנהויב יאַנואַר 1938 האָבן מיר דערהאַלטן אַ בריװ פון באַרימטן אַרטיסט יעקב וויסליץ. ער האָט נאָר־וואָס פאַרענדיקט אַ טורנע איבער דרום־אַפריקע — שרייבט ער — ווו ער האָט באַזוכט א גאַנצע רייע שטעט מיט יידישע ישובים. ער איז ארויסגעטראָטן אויף וואָרט־קאָנצערטן, ווי אויך געשפּילט יידיש טעאַטער מיט אַמאַטאָרן.

פאַרן פאָרן קיין דרום־אַפריקע, האָט ער גאַסטראָלירט אין מערב־אייראָפּע מיט וואָרט־קאָנצערטן. אויף זיין אָנ־פראַגע ביים דיכטער מלך ראַוויטש, וואָס האָט נאָר וואָס פאַרלאָזט אויסטראַליע: צי ער זאָל באַזוכן דעם אויסטראַ־לישן ישוב, האָט עס אים ראַוויטש וואַרעם רעקאָמענדירט און געראַטן אים זיך צו פאַרבינדן מיטן קאָמיטעט פאַר די יידישע שולן אין פוילן. ער האָפט אָנצוקומען קיין מעלבורן אין די קומענדיקע וואָכן.

פאַרשטייט זיך, אונדזער קאָמיטעט האָט מיט פרייד אויפגענומען די ידיעה און זיך גלייך פאַרשטענדיקט מיטן דראַמאַטישן קרייז „יידישע בינע".

איך קען זיך נישט באַרימען, אַז איך האָב געזען שפּילן יידיש טעאַטער אויסגעפירט פון די גרויסע יידישע בינע־

וואָס עס איז נאָר מעגלעך, כדי אים ארויסצורייסן פון דאַגען.

און ווי יעדן פרימאָרגן, איז צום מינסקער פעראָן צו־געפאָרן די באַן „מאָסקווע—ווין".

אומפאַרגעסלעכע, טרויעריקע מאָמענטן פון געזע־גענען זיך מיט קרובים און פריינד. אַ שטורעם פון די וואַ־גאָנען, אַ טומל, דאָס אריינוואַרפן די וואַליזעס, פעקלעך אין איבערפולטע וואַגאָנען, אַ געוויין און געשרייען...

דאָס קלאַפּן פון די רעדער שנידט זיך אריין אין מוח. ווי אַ כראָנאָמעטער אויף וועלכן עס לויפן פאַרביי די מינוטן, אַזוי לויפט פאַרביי יעדער מעטער פון דער ערד אויף וועלכער מיר זענען געבוירן, ווו עס האָבן זיך פאַר אונדזער צוקונפט געראַנגלט אונדזערע נאָענטסטע.

די עטלעכע שורות זענען דערווייל אַ פאָר ווערטער מיט וועלכע איך האָב זיך געוואָלט טיילן מיט אייך.

אויספירלעכער וועגן דעם האָב איך אָנגעשריבן אין מיין בוך „קאָנטינענטן פון האָפענונג", וואָס איז שוין גרייט צום דרוק אין דער ענגלישער שפּראַך.

נאָכן קומען צו זיך אויפן 5־טן קאָנטינענט, האָב איך שוין אויף מיין אייגענער הויט דורכגעמאַכט אַלע וואַריאַנטן פון עמיגראַציע־פּראָבלעמען. וואָלט זיך מיר געוואָלט אַלס פאָרזיצער פון א קלוב פון יידישע נייגעקומענע (פון רוס־לאַנד) צו באַהאַנדלען די דאָזיקע פראַגן אויף אַ זייטעלע פון אייער זשורנאַל, פאַר וואָס איך וועל אייך דאַנקבאַר זיין.

קינסטלער. איך שטאַם אליין פון א קליין שטעטל, מאַקאָוו, אַזוי ווי אַנדערע הונדערטער שטעטלעך אין פוילן.

מען איז אָבער נישט געווען אָפּגעריסן פון דער גרוי־סער יידישער קולטור־וועלט. מיר האָבן געוווּסט, וואָס דאָרט קומט פאָר און מיר האָבן מיט דעם מיטגעלעבט. דערפאַר טאַקע האָט מען געוווּסט, וואָסערע פּאָזיציע יעקב וויסליץ פאַרנעמט אין יידישע טעאַטער.

זייענדיק אין 1927 יאָר אַלס פאַרטיי־פונקציאָנאַר פון „בונד" אין וולאָצלאַוועק, אַ גרויסע פראָווינץ־שטאָט, האָט מען מיר דערציילט, אַז וויסליץ האָט דאָרטן פאַרבראַכט אַ געוויסע צייט און אָנגעפירט מיט דראַמאַטישע קרייזן און געשפּילט טעאַטער מיט אַמאַטאָרן. די גרויסע מעלה פון וויסליצן איז געווען, וואָס אויסער קינסטלערישן טאַ־לאַנט, האָט ער אויך פאַרמאָגט אַ סך קולטור־וויסן, מיט וואָס נישט אַלע יידישע אַרטיסטן קאָנען זיך באַרימען. זייענדיק גוט באַהאַוונט אין דער יידישער ליטעראַטור און דערצו אַ גוטער רעדנער, פלעגט ער אַרומפאָרן אין די שכנישע שטעטלעך, ווי פלאָצק, גאָמבין, קוטנע מיט וואָרט־קאָנצערטן, רעציטאַציעס פון די פּערל פון דער יידישער ליטעראַטור און גלייכצייטיק אויסטייטשן זייער קינסטלערישן ווערט.

פאַר מיין פאַרלאָזן פוילן איז מיר אויסגעקומען צו זען וויסליצן שפּילן „דאָס הייליקע שניידערל" אין שלום אש'ס „קידוש־השם" צוזאַמען מיט סאַמבערגן אלס מענדל אַרענדאַר. דער איינדרוק איז מיר געבליבן אין זכרון ביזן היינטיקן טאָג. איך האָב וויסליצן געזען אויך אויף אַן אַנדער אָרט אָן „גרים". אויף אַ קאָנפערענץ וועגן דער ראָל פון „בונד" אין די קהילות און שטאָט־ראַטן. מיין שכן האָט מיר אָנגעוויזן אויף אַ ווינקל, ווו ס'איז געזעסן וויסליץ, אַלס גאַסט, און זיך זייער אויפמערקזאָם צוגעהערט צו די רעפעראַטן און דיסקוסיעס. דאָס האָט אויף מיר געמאַכט אַ גוטן איינדרוק, ווייל עס איז כאַראַקטע־ריסטיש, וואָס אויסער טעאַטער, קונסט, פאַרמאָגט ער אויך אַן אינטערעס פאַר פאָליטיש־געזעלשאַפטלעכע פּראָבלעמען.

אין דעם צייט־אָפּשניט, נאָך פאַר וויסליצעס קומען קיין אויסטראַליע, האָט זיך יידיש טעאַטער זייער שטאַרק אַנטוויקלט, דאָס האָט געהאָלפן הייבן און פאַרטיפן די חשיבות פון יידיש קעגן דער וואַקסנדיקער אַסימילאַציע. אויסער דער „יידישע בינע" אונטער דער לייטונג פון יעקב גינטער, וואָס האָט געשפּילט יידיש טעאַטער שוין באַלד צען יאָר, נישט ווי אַ פראָפעסיאָנעלער אַרטיסט, פאַר פערזענלעכע פאַרדינסטן, נאָר אויסשליסלעך פאַר קולטור־און געזעלשאַפטלעכע צוועקן, ווי צ. ב. פאַר די יידישע שולן אין פוילן, לטובת דער ערשטער יידישער צייטונג אין אויסטראַליע, „אויסטראַליער לעבן", פאַרן פוילישן יידישן

פעליקס ראַפּאַפּאָרט

# ס׳גייען באַנען...

די גאַנצע יידישע וועלט היינט־צו־טאָג פילט מיט די דערנידערונגען און פאַרפאָלגונגען פון אונדזערע שוועסטער און ברידער אין דעם סאָוויעטישן גהינום.

אין דעם גייסט פון סאָלידאַריטעט און דער הילף וואָס מען קען זיי ארויסווייזן, דאַרף אזוי פיל ווי מעגלדעך וועגן דעם דערציילט ווערן. יעדער קלענסטער עפּיזאָד אפילו פון זייערע איבערלעבונגען, זאָגט עדות וועגן פייניקונגען, ליידן, פאַרשוועכונג פון מענטשן־רעכט — בלויז דערפאַר, ווייל מען בעט די דערלויבעניש ארויסצופאָרן פון רוסלאנד.

אַ יונגער יידישער נייגעקומענער פון סאָוויעט־רוס־לאַנד האָט מיר פאַרגעלייגט איבערצוזעצן פון רוסיש אַ קורצן אריינפיר־אַרטיקל, וועלכן ער האָפט פאַרצוזעצן אויף די שפאַלטן פון די „מעלבורנער בלעטער״.

**פרידא ווילענסקי**

יעדעס מאָל ווען איך בין פאַרבייגעגאַנגען דאָס אָרט, האָט זיך עפּעס ביי מיר אינעווייניק פאַרקלעמט און אַ מאָדנער ציטער האָט מיך ארומגענומען, ממש ווי אַן עלעקטרישער שטראָם וואָלט דורכגעדרונגען מיין קערפּער.

אויף אָט דעם אָרט, איז לויט די דערקלערונגען פון די היגע איינוווינער, אומגעקומען מיכאָעלס. איינִיקע האָבן איבערגעגעבן גענויע איינצלהייטן וועגן דער פּאַסי־רונג און האָבן ארויסגעזאָגט זייער השערה וועגן דער שולד אין דעם פון די באַוווּסטע „קרייזן״. אונדז איז בלויז פאַר־בליבן צו באַדויערן מיט פאַרדרוס און וויטיק, אַז עס איז אומגעקומען א גרויסער און באַרימטער פאָרשטייער פון אונדזער יידישער אינטעליגענץ.

אייגנטלעך דערמאָנט עס מיך אָפּטמאָל אין מיין איי־גענער אָפּשטאַמונג. אָבער ווי אַ מוזיקאַלישער פּרעליוד גייט ער שנעל פאַרביי נאָך אידער ער דערגרייכט דעם קולמינאַציע־פּונקט.

אין דער ווייסרוסישער הויפּטשטאָט מינסק, אויף דער וואָלאָדאַרסקער גאַס, עטלעכע הונדערט מעטער פון אָט דעם אומגליקלעכן אָרט געפינט זיך די תפיסה (ק.פ.ז.) ווו עס ווערן דורכגעפירט אין אַ סך קאַמערן פּרעלימי־נאַרע אויספאָרשונגען. די פאַרהערן ווערן דורכגעפירט ביז צו אַ וועלכן עס איז פּסק־דין. די „געסט״ פון אָט דעם „באַשיידענעם לאָקאַל״, ווערן פאַרהאַלטן טיילמאָל אויף אַ גאָר לאַנגע צייט. עס טרעפט אָבער אויך אזוינס, אַז עס ווערט דעם אַרעסטירטן געמאָלדן וועגן זיין אומשולד און מען באַפרייט אים גאָר.

מיט איינעם פון אזעלכע גליקלעכע איז מיר אויסגע־קומען זיך צוזאַמענטרעפן פונקט אין דער צייט ווען איך און מיין פאַמיליע האָבן דורכגעמאַכט אַ ריי אויפטרייסלנ־דיקע איבערלעבונגען. דער יונגער באַקאַנטער (צוליב פאַרשטענדלעכע סיבות גיב איך נישט אָן זיין נאָמען) איז באַפרייט געוואָרן נאָך אַן אויספאָרשונג אויף וועלכער ער האָט געוואַרט העכער איין יאָר צייט. באַשולדיקט איז ער געוואָרן אין עפּעס אַן אומפאַרשטענדלעכער אומוויכ־טיקער זאַך, אָבער צי ער איז יאָ אָדער נישט שולדיק געווען, איז ער דערווייל געזעסן.

דער וויכטיקסטער פאַקטאָר פון צוגעצויגן ווערן צו דער פאַראַנטוואָרטלעכקייט איז געווען דאָס, וואָס ער מיט זיין משפחה האָבן אָנגעגעבן אין מיניסטעריום פאַר אינער־לעכע ענינים אַ ביטע אויף אַן ארויספאָר־וויזע קיין ישראל.

דערוויסנדיק זיך וועגן די אַלע ניואַנסן פון זיינע אי־בערלעבונגען, האָבן די פירערס פון דער מינסקער ציו־ניסטישער אָרגאַניזאַציע זיך „אָנגענומען״ פאַר אים (ווי דאָס ווערט ביי אונדז געזאָגט), און גלייך נאָך זיין באַפריי־אונג האָט ער זיך אָנגעשלאָסן אין די רייען פון דער אָרגאַניזאַציע.

במשך פון די אויבנדערמאָנטע געשעענישן, פלעגט מיין משפחה באַקומען א ריי אַנאָנימע בריוו מיט אַן אַנטי־סעמיטישן אינהאַלט, וואָס זענען געווען אונטערגעשריבן: „דיעד מאַראָז״. די בריוו האָבן אַנטהאַלטן נבזהדיקע, שרעקלעכע אַנטיסעמיטישע באַליידיקונגען און דראָאונגען פון „אָפּרעכענען זיך מיט אונדז״. איינער פון די דאָזיקע כוליגאַנעס האָט כסדר געקלונגען צו אונדז אין מיטן נאַכט און האָט אויפן אַדרעס פון יידן געשאָטן מיט אַזעלכע שרעקלעכע אויסדרוקן, אַז עס האָט זיך ביי אים ארויס־געפילט א בוכשטעבלעכער פּראָפעסיאָנאַליזם אין זיין אַנטיסעמיטישער טעטיקייט.

עס איז מיר געלונגען צו דערוויסן זיך אויף דער טעלעפאָן סטאַנציע זיין נאָמען. דער פאַרשוין האָט געהייסן וואַלערי פּיזולין, אַן עלטערער לייטענאַנט אין דער אויס־פאָרשונגס־אָפּטיילונג ביי דער מיליץ. צוליב דער אינטער־ווענץ ביי זיינע אָנפירער, איז ער באַזייטיקט געוואָרן פון זיין אַרבעט אין אונדזער ראַיאָן און איז אַריבערגעפירט געוואָרן אין די קולואַרן פון דער זעלבער אונטערנעמונג אין אַן אַנדער ראַיאָן.

דער נאָמען פון דער געזעלשאַפט וואָס פלעגט אריינ־שיקן די בריוו מיט די שוידערלעכע שאַפונגען, האָט זיך לויט די אותיות אויסגעלייגט: „דאָבראָוואָלנאַיע עדינסטוואָ דזייסטווי מיראָטוואָרנאָוואָ אָסוואָבאָזשדזעניאַ ראַדזיני אָט זאַבלודזשיך״ — (פרייוויליקע אייניקייט פון ווילטעטיקער באַפרייאונג דאָס היימלאַנד פון פאַרבלאָנדזשעטע).

אזוי ווי איר זעט... האָבן מיר פאַרבלאָנדזשעט! אין אָט דעם אויסדרוק איז אָן ספק פאַראַן א גרויסער חלק פון אמת, און אזוי ווי אַ פאַרבלאָנדזשעטער זוכט דעם וועג, כאָטש אַ טירעלע צום ארויסגאַנג, אָדער ווי מען זאָגט עס ביי אונדז יידן פון די אוראַלטע צייטן: אַ טירעלע דורך וועלכער מען קאָן זיך אדורכגליטשן...

דאָס דאָזיקע טירעלע האָט אונדז געבראַכט אין דער וויזע־אָפּטיילונג כדי צו בעטן אַ דערלויבעניש אויף ארויס־צופאָרן פון לאַנד. די ידיעה וועגן מיין באשלוס האָט צו מיר געבראַכט מיין באַקאַנטן מיט זיינע חברים. מיין יונגער פריינד האָט מיך געבעטן צו טאָן פאַר אים אַלץ




גדליהו אורון: מיר, אָפּשטאַמיקע פוֹן די מזר־עדות קענען נישט קיין יידיש, מיר באַמיען זיך אָבער צו לערנען



אויפן בילד: **רותי שקורי און ואפתי ורּיאס**

**צברים בני כל העדות לומדים יידיש כמקצוע בחירה לבחינות בגרות — ומגלים אוצר בלום של תרבות ועולם שלא ידעו עליו. — היחס השלישי אל היידיש, שריד „מלחמת השפות" מלפני קום המדינה, נעלם והולך — ורבים רוצים לשוב אל ה„מאמע־לושן", גם כדרך של שיבה אל המקורות**

**סאַבּרעס פון אַלע עדה'ס לערנען יידיש ווי אַן אויס־וואַל־קעגנשטאַנד צו מאַטורע־עקזאַמענס און אַנטדעקן באַהאַלטענע אוצרות פון אַ קולטור און לעבן וואָס איז זיי אומבאַקאַנט.**

**די נעגאַטיווע באַציאונג צו יידיש — אַן איבערבליי־בעניש פון „שפּראַכן־קאַמף" פון פאַר דער אַנשטייאונג פון דער מדינה — פאַרשווינדט. א סך ווילן צוריקגיין צו „מאַמע־לשון" ווי אַ צוריקגיין צום שורש.**

# עברי, דבר יידיש!

## מאת נורית ברצקי

אונטער דעם דאַזיקן קאָפּ איז דערשינען אין „מעריב" (ביילאַגע פון 7טן אָקטאָבער) אַ גרעסערער אַרטיקל, מיט בילדער — וואָס דערציילט וועגן די 50 שילער פון דער נייער מיטל־שול אין חולון, וואָס האָבן זיך פאַר־שילער, וועגן זיין אינטערעס צו יידיש.

דער אַרטיקל—געשריבן מיט וואַרעמקייט די ענטפערס, וועלכע זי האָט באַקומען פון די שילער, וועגן זייער אינטעריס צו יידיש.

דער אַרטיקל—געשריבן מיט וואַרעדקייט און באַציאונג, איז ווערט מען זאָל וועגן אים שרייבן.

מיר ברענגען דאָ עטלעכע ענטפערס:

גילה רובינשטיין, אַ סאַברע, דערקלערט די עלטערן פון פוילן און רוסלאַנד: מיט יידיש וויל זי זיך פּרעזענטירן צו מאַטורע (אַנדערע לערנען יידיש נאָר אַלס שפּראַך, און אַנדערע ווילן מיט דעם נאָמען האָבן אַ פּראָפּעסיע). „ביז דריי יאָר האָב איך גערעדט נאָר יידיש, אין שטוב רעדט מען נישט מער קיין יידיש, אָבער איך פאַרשטיי. איך וויל שמועסן מיט דער באָבען אין אַ פרייען יידיש. די שפּראַך אינטערעסירט מיך, ס'וועט מיר העלפן זיך צוזאַמענרעדן מיט ידן פון חוץ לארץ. מען באַשולדיקט אונדז יוגנט, אַז מיר דערווייטערן זיך פון די דערוואַקסענע, מיטן לערנען יידיש ווערן מיר דערנענטערט צו זיי".

★

„יידיש איז נישט נאָר אַ שפּראַך, ס'איז אַ גאַנצע קולטור" — זאָגט די שילערין תולי.

★

אסתי וריאַס, פון רוסלאַנד, 5 יאָר אין לאַנד, האָט זיך אינגאַנצן נישט באַצויגן צו יידיש ווי צו אַ שפּראַך. „איך האָב מיר קיינמאָל נישט פאָרגעשטעלט, אַז ס'איז דאָ אַזאַ רייכע ליטעראַטור אין יידיש, און די שפּראַך איז אַזוי רייך אין ווערטער און גראַמאַטיק".

★

די לערערין פון יידיש אין דער שולע, חיה יאָנעס, איז אויך אַ סאַברע, וווינט אין ירושלים און פאָרט דריי מאָל אין וואָך קיין חולון. זי איז „פאַרכאַפּט" געוואָרן צו יידיש, נאָך דעם ווי זי האָט געענדיקט צוערשט ליטעראַטור אין עברית, און דעם צווייטן טיטל האָט זי געמאַכט אויף ליטעראַטור אין יידיש, אויפן ירושלימער אוניווערסיטעט.

„איך האָב געפילט, אַז דאָס איז מיר זייער נאָענט. די יידישע ליטעראַטור איז א סך ברייטער און טיפער, און וויניק אויסגעפאָרשט, יעדע יידישע טעמע, וואָס אַ מענטש לערנט — ליטעראַטור, היסטאָריע — האָט נישט קיין געזונטע באַזע, אָן דער דאָזיקער ירושה. אָן יידיש איז נישטאָ קיין פולקאָמע באַנעמונג פון דער העברעישער ליטעראַטור, שפּראַך, געשיכטע" — דערקלערט די לערע־רין יאָנעס. „אַ סך יונגע סאַברעס ווילן לערנען יידיש, ווייל זיי זוכן אַ פאַרבינדונג מיט דער קולטור־ירושה, אַ דערנענטערונג צו די פאָלקס־מקורות" — פירט אויס חיה יאָנעס.

★

רות שוקרי, וועמענס עלטערן זענען פון לבנון, לערנט יידיש, כאָטש זיי האָבן נישט קיין שום פאַרבינדונג מיט דער שפּראַך: „עס זעט מיר אויס שטאַרק אָנגענעם, איך האָב זיך שנעל צוגעוווינט צום קלאַנג פון דער שפּראַך".

---

הירש אָשעראָוויטש, ישראל

מיר באַגריסן דעם דיכטער צום באַקומען די מאַנגער־פּרעמיע אין ישראל. ביי דער געלעגנהייט דרוקן מיר זיינס אַ ליד.

## פאַרשטיינערטקייט

פלוצעם דוכט זיך מיר, איך האָב אין גליק מיינעם קיין חלק ניט.
און מיין פרייד איז נאָר אַ ווייסער שוים אויף גרויען שליים.
קלער איך מער ניט, אַז צופרידנקייט אַ היילונג גיט,
אַז פאַראַן איז עפּעס וווּנדערלעכס אין אונדזער זיין.

שפּרייט זיך אוים פאַר מיר אַ וועג אַ מאָל באַטראָטענער,
אַ פאַרוואַקסענער פון לאַנג אויף אים ניט גיין,
א פון אַלעמען געמיטענער (כאָטש ניט פאַרבאָטענער),
און אין סאַמע, סאַמע מיט זיינער: אַ גרויסער שטיין.

איך בין עס דער שטיין באַמאָכטער, פאַרלישייעטער,
איך בין עס די שווערקייט און די גרויקייט פון געמיט,
איך בין עס דער האַרטער גלייכגילט דער פאַרטייעטער,
וואָס אים רייסט ניט אויף אפילו נייגער־דינאַמיט...

ליג איך אויפן וועג, ניט פריידיק און ניט טרויעריק, —
אַ מין מרה־שחורה־לאַטע אונטער סנאָפּעס שיין.
אַלצדינג אַרום מיר איז, ווי דער רויך ניט־דויערדיק,
און דאָס שטאַרע אייביק זיין צווינגט עלנט זיין.

ווילנע, מאַי 1968

אַרעמען, צרהדיקן, נעבעכדיקן און פּרעכטיקן לאַנד, וואָס איז זינט אַלטערטום געווען דאָס שלאַכטפעלד פון די באַביליאַנער און גריכן, עגיפּטער און רוימער — אַ לאַנד ווו די שטיינער האָבן באמת הערצער.

איך בין מסכים מיט אחד העם, ווען ער האָט געזאָגט, אַז עס איז נישט וויכטיק צי משה האָט עקזיסטירט אָדער נישט; צי ער איז געווען סתם אַן עגיפּטישער פּרינץ, וואָס צוליב זיין 'עדיפּוס קאָמפּלעקס' * (פרויד אליין האָט אָנגעשריבן אַן אויסגעצייכנטע עסיי וועגן משהן) האָט ער זיך צעבונטעוועט קעגן פּרעהן; אָדער: אפשר איז ער איבערהויפּט נישט געווען קיין ייד? דאָס האָט נישט קיין באַדייטונג. אויב די דאָזיקע אילוזיע (אויב דאָס איז טאַקע אַן אילוזיע) איז געווען די סיבה צוליב וועלכער מענטשן האָבן אזוי פיל געליטן; אויב זיי האָבן אין משך פון יאָרצענדליקער און יאָרהונדערטער אַוועקגעגעבן זייער לעבן צוליב דער לעגענדע — דאַן איז די לעגענדע מער עיקרדיק און רעאַלער, ווי יעדע היסטאָרישע פיגור.

דאָס זעלבע איז ריכטיק וועגן די שטיינער: אויב אפילו אַרכעאָלאָגן קאָנען דערווייזן, אַז דער כותל המערבי האָט אַ קנאַפּן שייכות צום אייגנטלעכן בית־המקדש — דאָס האָט נישט קיין באַדייטונג. אויב צוליב די דאָזיקע שטיינער האָט מיין זיידע געקאָנט דריי מאָל אַ טאָג וויינען, טאַקע וויינען — קאָנען מיר נישט גלויבן, אַז דאָס זענען סתם שטיינער. נאָכאַלעמען — ער האָט קיינמאָל נישט באַוויינט די שטיינער פון פּינסק, זיין געבורטס־שטאָט. און וואָס האָט ער זיך דאָרטן אָנגעליטן פון די פּאָגראָמען, גלויב מיר — האָט ער געהאַט גענוג סיבות צו וויינען אויף די ווענט פון פּינסק.

דאָס דערקלערט זיך דערמיט, וואָס מיר זענען אַ פאָלק, וואָס האָט אָפּגעטאָן עפּעס שרעקלעכעס — עפּעס, וואָס די געשיכטע קאָן נישט מוחל זיין. מיר האָבן אָפּגעווייכט פון געוויען היסטאָרישן מוסטער, אַז נאָך עטלעכע יאָרהונדערט מוז יעדעס פאָלק פאַרשווינדן. מיר זענען איינפאַך פאַרשייט. מיר זענען געווען דאַן, ווען די אַלטע מצרים האָבן געלעבט; ווען די באַביליאָנער האָבן געקעמפט; ווען די רוימער האָבן געבויט זייער אימ־פּעריע; ווען די גריכן האָבן געשאַפן זייער ליטעראַטור. מיר זענען דערביי געווען. און היינט זענען מיר נאָך אַלץ דאָ, צוזאַמען מיט די אַמעריקאַנער, און די אירלענדער, און די אויסטראַליער. אין אונדזער איינגעשפּאַרטקייט שטעלן מיר זיך נישט צופרידן מיט עפּעס אַ „באַשיצונג" פאַר אַ רעגנדיקן טאָג; מיר בויען א מדינה מיט די זעלבע שטיינער, וואָס האָבן געדינט דוד המלך; מיט די זכרונות פון משה בן עמרם.

פּאָליטישע און מיליטערישע געשעענישן צוזאַמען מיט אַנדערע פאַקטאָרן האָבן באַאיינפלוסט די נייע ישראלדיקע סצענע. מיר זענען אזוי פאַרנומען מיט פּאָ־ליטישע פּראָבלעמען און אינטריגעס, אַז נישט מיר האָבן צייט, און נישט מיר האָבן געדולד צו זען די פּערספּעק־טיוו. אַ מענטש מוז זיך שאַפן אַ געוויסע פּערספּעקטיוו. קאָנסט נישט קוקן אויף אַ בילד, ווען דיין נאָז באַרירט דאָס לייוונט. דו מוזט שטיין עטלעכע יאַרד ווייטער פון בילד. אויב אפילו אונדז פעלט די פּערספּעקטיוו, מוזן מיר זיך באַמיען צו טראַכטן, צו געפינען זי. מיר מוזן זען, מער ווי מיר זעען. מיר מוזן זיך זען אין דער פּערספּעקטיוו פון דורות; דאָס בין איך און דאָס איז מיין פאָטער און מוטער, און זיידע און באָבע, און אַלע פריער־דיקע דורות. דאָס איז וואָס איך בין — צי עס געפעלט מיר יאָ אָדער נישט.

דאָס איז אַלץ וואָס איך וויל טאָן, כדי צו זיין בעסער ווי איך בין. צו זיין אַ בעסערער ייד, צו זיין אַ בעסערער ישראלי, צו זיין אַ בעסערער מענטש. פאַר מיר זענען אָט די אַלע זאַכן דאָס זעלבע. דאָס איז נישט קיין פראַגע: ווי אַזוי איבערצולעבן. דאָס איז אפילו נישט קיין פראַגע, ווי אַזוי צו זיין זיגרייך. דאָס איז אַ פראַגע, ווי אזוי איבערצולעבן מאָראַליש און גייסטיק פאַר יעדן ישראלי, וואָס וויל וויסן נישט נאָר דעם פּרייז פון זאַכן — נאָר אויך זייערע ווערטן. די פראַגע איז נישט צי מיר וועלן איבערלעבן מיליטעריש, סאָציאַל און פּאָליטיש — נאָר וואָס פאַראַ פּנים און צוקונפט דאָס דאָזיקע לאַנד אונ־דזערס וועט האָבן. וועט עס זיין אַ מדינה פון יידן, אָדער אַ יידישע מדינה?

און ווען איך זאָג יידיש — מיין איך נישט רעליגיעז. פאַר מיר אַלס ייד, פאַר וועמען דער זין פון זיין אַ ייד איז צו זיין אַ ישראלי, איז די פראַגע פון אונדזער מאָראַ־לישער קוואַליטעט די הויפּט־פראַגע פאַר די קומענדיקע יאָרן. איך בין זיכער, אַז מיר וועלן דורכהאַלטן מיליטע־ריש, אויב איך האָב אפילו מורא פאַרן פּרייז, ווייל מיר האָבן שוין אינוועסטירט אין דער ערד אזוי פיל בלוט און טרערן און האָפענונגען. מיר האָבן אינוועסטירט אזוי פיל צערודערונג און אומרו, אזוי פיל טעותים און זינד און אזוי פיל חלומות, אַז עס איז שוין צו שפּעט צו ענדערן.

די גאַסן פון ישראל זענען נישט אויסגעלייגט מיט גאָלד. עס איז נישט עלדאָראַדאָ. די גאַסן זענען אויסגע־לייגט מיט זאָרגן און צרות. אויב יידישקייט היינט־צו־טאָג מיינט בכלל עפּעס, אויב יידן אין די תפוצות ווילן אויס־מיידן, אַז זיי זאָלן זיך דאַרפן שעמען, צוליב די פראַגן, וועלכע זייערע זין וועלן זיי פרעגן אין די קומענדיקע יאָרן — דאַן איז דער איינציקער אויסוועג — צו לעבן אין ישראל.

זייענדיק אין ישראל מוז דער קאַמף אָנגיין צו באַשאַפן נישט נאָך איין באַנאַנע־רעפּובליק — נאָר אַן אָרט וואָס וועט האָבן אַ טיפן יידישן זין — אין באַגריף פון שטיינער און אין באַגריף פון מענטשן.

יידיש: מ. א.

*Australia/Israel Review*

*) 'עדיפּוס־קאָמפּלעקס', לויט פרוידס פּסיכאָ־אַנאַליז: די צונע־בונדנקייט פון א קינד צו איינעם פון די עלטערן; פון קענגזעצלעכן געשלעכט. (א יינגל — צו זיין מוטער, למשל) אייפערזוכט־געפילן קעגן דעם אנדערן צד פון די עלטערן. — באַמ. פון איבערזעצער.

נעם קונדס אויפן רוקן פון כרמל־באַרג אין די סוף פער־ציקער יאָרן, און שלום עליכמס „העלדן", די יונגע יאַט־לעך פון יידישן שטעטל.

אין דער זעלבער צייט, איז דער גאַנצער ישראלדיקער דערציאונגס־סיסטעם געווען איינגעשטעלט אין פונקט אַ פאַרקערטער ריכטונג. „דו ביסט נישט קיין קליינער, אומ־באַהאָלפענער, אומצופרידענער יינגל פון שטעטל" — פלעגן די דאָזיקע דערציער זאָגן — דו ביסט דער נייער דור".

נישט זייענדיק קיין דערציער, האָט אָט דער סאַברע „דזשימי" אַנטדעקט, אַז עס איז דאָ עפּעס עיקרדיקס הינ־טער דעם, וואָס עס לאָזט זיך זען פון דעם געטאָ, עפּעס וואָס גרייכט טיפער ווי „פידלער אויפן דאַך"; אַז מיר זענען די זעלבע, און עס איז נישטאָ קיין ווידערשפּרוך צווישן דעם ייד און דעם ישראלי.

עס האָט גענומען דער ישראלדיקער ליטעראַטור און די ישראלדיקער דערציער אַ לאַנגע צייט צו פאַרשטיין דאָס פּראָבלעם און נעמען אים אין די הענט אריין.

אין דער זעקס־טאָגיקער מלחמה בין איך געווען אַ קריגס־קאָרעספּאָנדענט און געהאַט דעם מזל צו זיין איינער פון די ערשטע צו דערגרייכן דעם כותל המערבי צוזאַמען מיט מאָטאַ גורס זעלנער. איך האָב זיי געזען וויינען ביי דער וואַנט, אָט די אַלע בחורים, נישט בלויז די רעליגיעזע, נישט בלויז די בחורים פון בני־עקיבה — נאָר אַלע, אפילו די חברים פון השומר הצעיר, דער־צויגענע אויף ציוניזם און מאַרקסיזם.

צוערשט האָב איך געטראַכט: מעגלעך, אַז דאָס איז אַ פאַרבייגייענדיקע עמאָציע; זיי האָבן דאָך — נאָכ־אַלעמען — פאַרלוירן זייערע פריינד אין קאַמף. דאָס איז אָבער אזוי נישט געווען. עס איז עפּעס געווען אין די שטיינער און עס איז עפּעס געווען אין די אַ מענטשן — און דאָס איז נישט געווען קיין געוויינלעכע עמאָציע.

ס'איז דאָ אַן אַלטער זאָג: „עס איז שווער צו זיין אַ ייד". עס איז אָבער אַ פאַקט, אַז עס איז טויזנט מאָל שווערער נישט צו זיין אַ ייד. דאָס פאַקטישע „שליחות אוממעגלעך" איז נישט צו זיין אַ ייד.

איך זאָג עס ווי אַ מענטש, וואָס איז דערצויגן געוואָרן נישט ווי אַ רעליגיעז־גלויביקער, נאָר מערער ווי אַ מענטש, וואָס זעט ידישקייט אַ סך ברייטער.

מען קען נישט אויפהערן צו זיין אַ ייד.

אין איינע פון זיינע בעסטע דערציילונגען: „ביזן טויט" שילדערט פּרעכטיק עמוס עוז — אויפן הינטערגרונט פון דעם פּעריאָד פון די קרייצטרעגער — ווי אַזוי אַ מענטש, וואָס איז קיינמאָל קיין ייד נישט געווען פאַרשטייט, אַז ס'איז נישט נויטיק פאר אים צו דעצידירן, צי ער איז אַ ייד — די דרויסנדיקע וועלט דעצידירט עס פאר אים. זיי דאַרפן זייער ייד.

יעדע געזעלשאַפט נויטיקט זיך אין א שעיר לעזאזל.

דאָס איז נישט בלויז בנוגע יידן. דאָס זעלבע איז מיט שוואַרצע; די אַבאָרידזשינעס. דאָס זעלבע איז אפילו אין ישראל, ווען אַ „שיקסע" —אַ פויליש מידל, וואָס איז מקריב געווען איר לעבן צו ראַטעווען אַ ידישן בחור וואָס האָט זיך פרום מגייר געווען און פירט זיך אָרטאָ־דאָקסאַל — האָט הינטער איר רוקן, אין סופּערמאַרקעט דערהערט דאָס וואָרט: „שיקסע".

ד"ר יהודה לייב פינסקער האָט געשריבן אין זיין ערש־טער ציוניסטישער בראָשור „אויטאָ־עמאַנציפּאַציע" — פון זיין קוקווינקל, ווי אַ דאָקטאָר מעדיצין — אַז אַנטיסע־מיזם איז „יודאָפאָביע" און דאָס איז דער מיקראָב פון „קסענאָפאָביע" — די שנאה צום פרעמדן. די יידן ליידן פון דער קרענק א סך ווייניקער, ווייל זיי אליין האָבן גע־ליטן אזוי פיל.

א סך מענטשן אין ישראל פרעגן זיך אליין די פראַגע: וואָס האָט פאַסירט אין יוני 1967? פארוואָס האָבן די פאַר־האַרטעוועטע פאַראַשוטיסטן געוויינט ביים כותל? ווי קומט עס, וואָס זיי האָבן אַלע ווי איין מאַן אויסגעשריגן די תפילה, צווישן זיי — א סך נישט פרומע: „שהחיינו וקיימנו" ?

דער הויפּט־פּראָבלעם וואָס פאַרפאָלגט ישראל, זינט דער זעקסטאָגיקער מלחמה איז וואָס איז וויכטיקער: שטיי־נער, טעריטאָריעס אָדער שלום, לעבן ?

פּאָליטיש איז עס די פאַנאַנדערטיילונג צווישן „טויבן" און „שפּאַרבערס". אין „שיח לוחמים" (אַ שמועס צווישן קעמפער) — אַ רירנדיקער דאָקומענט נאָך דער זעקס־טאָגיקער מלחמה, שרייבט עמוס עוז וועגן זיין שטאָט, ירושלים — ווי וועגן אַ „פרעמדע שטאָט", ווען ער רעדט וועגן דער אַלטער שטאָט. מיט מיין גאַנצער באַוווּנדערונג פאַר דער ליטעראַרישער קענטשאַפט פון עמוס עוז, בין איך קיינמאָל נישט מסכים געווען מיט אים, ווען ער זאָגט, אַז: „שטיינער" זענען נישט וויכטיק. דאָס לעבן איז טויזנט מאָל מער קאָמפּליצירט, ווי אַזאַ פאָרמול: „טעריטאָריעס" פאַר „שלום".

מענטשן און שטיינער האָבן דעם זעלבן פּראָבלעם: מיר קאָנען זיך נישט באַוועגן אין ישראל; מיר קאָנען נישט לעבן אונדזער לעבן — אָן פילן הינטער אונדזער רוקן דעם וואָגיקן שאָטן פון תנ"ך. דאָס איז אַ פענאָמען, וועלכן מען קאָן נישט געפינען אין קיין שום אַנדער ליטעראַטור. אַ יונגער שרייבער, אין דער ענגלישער ליטעראטור קאָן שרייבן אָן שום פּראָבלעמען; ער מוז נישט פילן דעם באַריר פון שאָטן פון שעקספּיר אָדער מילטאָן. אָבער ס'איז נישטאָ קיין ישראלדיקער שרייבער — צי ער האָט דעם מוט מודה צו זיין אָדער נישט — וואָס קאָן זאָגן איין זאַץ אין העברעיש, מעג עס קלינגען אין דער גאַסן־שפּראַך, אָן צו פילן דעם שווערן שאָטן פון תנ"ך, פון אָט די דאָזיקע שטיינער.

פאַר מיר שטייט נישט די פראַגע: צי קען איך זיין אַ ייד — נאָר: ווי אזוי קאָן איך זיין אַ בעסערער ייד, ווי אַזוי קאָן איך לעבן מיט מענטשן און שטיינער אין דעם

פאַרגעסן", וועלכער ער האָט אָנגעשריבן מיט עטלעכע יאָר צוריק, האָט ער זיך ערשט געכאַפּט, אַז עס איז געווען אפשר נאַריש צו טוישן דעם נאָמען, און אפשר איז נאָכ־אַלעמען — גאָר נישט שלעכט מיט משה תהילימזאָגער.

צווישן די יונגע ישראלדיקע פּאָעטן, נאָוועליסטן און זשורנאַליסטן פון דער פלמ"ח גענעראַציע — געבוירענע ביי אייראָפּעישע, אָדער ספרדישע עלטערן -- איז געווען אַ מאָדע צו טוישן די נעמען אויף העברעיש קלינגענדיקע נעמען. טייל מאָל האָבן זיי אפילו געטוישט דעם נאָמען פון העברעיש, אויף העברעיש — ווי דער וווּנדערבאַרער העברעישער דראַמאַטורג ניסים אַלוני, וואָס זיין פריערדיקער נאָמען איז געווען ניסים לוי. ער האָט נישט פאַרטוישט עפּעס אַ „גאָלדבערג" אויף „גורן", אָדער עפּעס אַ „קלאַוזנער" אויף „עוז", נאָר ער האָט איבערגעטוישט לוי (לעווי), אויף אַלוני.

פאַרוואָס? ווייל לוי קלינגט צו יידיש — און אלוני — א סך וויניקער. אינטערעסאַנט צו באַמערקן. דער נייער דור ישראלדיקע פּאָעטן און שרייבער קערט זיך אום צו נישט־העברעישע נעמען. האָבן מיר דאָ דליה רביקביץ און יאָיר הורביץ און דליה הרץ. דאָ איז מער אַ טענדענץ פון דעם דור זיך נישט צו שעמען מיט אונדזער „געטאָ" אָפּשטאַם.

איך גלויב, אַז פעלקער זענען ענלעך צו פאַמיליעס. קוק זיך צו, צו וועלכער נישט איז פאַמיליע, די רייבונגען וועלכע זענען דאָ צווישן פאָטער און זון; טאָכטער און מוטער — דער תהום צווישן דורות.

אין דער זעלבער צייט — ווי פיין באַבע־זיידע קאָנען לעבן מיט זייערע אייניקלעך. די סיבה: פון איין זייט זענען זיי אזוי וויט איינער פון צווייטן, אָבער פון דער אַנדערער דאַרפן זיי נישט דערוויזן, אַז זיי זענען אַנדערש. דער זון איז צו נאָענט צו זיינע עלטערן, און אין יעדער מינוט דאַרף ער דעריבער באַווייזן, אַז: „ער גייט מיט דער צייט". דער זיידע און די אייניקלעך זענען פריי פון דעם קאָמ־פלעקס, וויילביידע צדדים באַגרייפן, אַז זיי געהערן נישט צום זעלבן דור.

און אזוי קאָנען ביידע דורות זיך פאַרגינען דעם וווּנדערפולן לוקסוס פון צוהערן זיך צו איינאַנדער.

איך שטעל מיר פאָר, אַז דאָס אייגענע פּאַסירט היינט אין דער מאָדערנער העברעישער ליטעראַטור. די פלמ"ח־גענעראַציע איז געווען אזוי באַשעפטיקט מיט דערוויזן, אַז פאַקטיש זענען זיי אַ נייע גענעראַציע, אַז ישראל איז נישט דער גלות, און איר געזעלשאַפט איז נישט דאָס געטאָ: און האָבן געמאַכט נאָכאַנאַנד דערקלערן, אַז זיי זענען די ערשטע סאַבראַ־נאָוועליסטן; די ערשטע סאַבראַ־פּאָעטן — אַז זיי זענען סאַבראַס... סאַבראַס...

אפילו ציוניסטישע דערציאונג איז אין דער צייט גע־ווען פול מיט מענטשן, וועלכע האָבן מורא געהאַט פאַרן פריץ פון אַמאָל. און דאָך איז ערגעץ ווו געווען א חלום, אַז דאָ, אין ישראל וועלן זיי האָבן זייערע אייגענע קאָזאַקן; זייער אייגענעם יונקער; זייער בלאָנדן ייד מיט בלויע אויגן וואָס וועט זיין קרעפּטיק; וועלכער וועט מיט ביטול קוקן אויף ביכער און וועט פאַראַכטן אידעאַלן און טעאָריעס.

דער טרוים פון בויען א נייע געזעלשאַפט, ווי ער האָט עקזיסטירט אין ישוב, ערב דאָס אַנטשטיין פון דער מדינה, — איז אין אונטערבאַוווּסטזיין געווען דער טרוים פון אויפשטעלן א נייעם גוי, אַ יידישן גוי, וועלכער וועט פאַרגיטיקן פאר די אַלע אַנטוישונגען און ביטערנישן פון דעם יידן, וואָס האָט געליטן פון דעם גוי. אויב דער גוי איז געווען אַ קנאַפּער קענער וועט ער אויך זיין איגנאָ־ראַנט, דערפאַר אָבער וועט ער זיין שטאַרק.

עס איז געווען יצחק יציב, וואָס איז פאַקטיש אומ־באַקאַנט אין ישראל, און וואָס איז געווען דער רעדאַקטאָר פון דער קינדערצייטונג „דבר לילדים" אין די סוף־פער־ציקער, וואָס האָט געשריבן אַן עסיי אין דער ליטעראַ־טור ביילאַגע פון „דבר" קעגן דער סאַבראַ איינשטעלונג. יציב, וועלכער לעבט שוין נישט, האָט געשריבן וועגן מינדערווערטיקייטס־קאָמפּלעקס פון די דערציער, וועלכע האָבן זיך באַמיט איינצופלאַנצן עפּעס „נייעס", וואָס האָט גאָרנישט געקאָנט עקזיסטירן.

„דאָס פּראָבלעם פון אונדזער לאַנד איז נישט בלויז ווער עס וועט בויען די מלוכה פאר יידישע מענטשן—נאָר, צי דאָס וועט זיין אַ יידישע מלוכה, אָדער אַ קליינע לע־וואַנטישע קאָלאָניע... וואָס מיר דאַרפן איז אַ נייעם ייד, נישט קיין נייעם קאָזאַק".

עטלעכע יאָר שפּעטער האָט זיך באַוויזן אַ יונגער סאַברע, וועמענס צונאָמען „דזשימי" וועט גאָרנישט מיינען פאַר קיינעם אויסער פאַר ישראל. דער נאָמען אהרן שמידט איז אָבער געווען אַ לעגענדע פאַר מיין דור. זיין פאָטער איז געווען איינער פון די מער באַקאַנטע ישראל־מאָלער, אַן אַלטער מאַן, וואָס האָט געענדערט זיין עלטער אין פּאַס־פּאָרט, כדי ער זאָל קאָנען אריינטרעטן אין דער ענגלישער אַרמיי צום קאַמף קעגן היטלערן. „דזשימי" איז געווען אַ פלמ"חניק, וואָס איז געפאַלן אין יאָר 1948, אין די בערג פון ירושלים.

איינער פון די וואָגיגסטע ליטעראַרישע דאָקומענטן, וואָס האָט זיך באַוויזן פון דער אומאָפּהענגיקייט־מלחמה, איז געווען אַ בוך מיטן נאָמען: „חברים מספרים על גימי" („חברים דערציילן וועגן דזשימין"). דאָס איז אַ בוך וועגן דער סאַבראַ־גענעראַציע אין אַלגעמיין, כאָטש עס דער־ציילט אונדז וועגן אָט דעם „דזשימי".

אין דעם בוך ווערט איבערגעגעבן וועגן דזשימין, אַז ער האָט אָנגעשריבן אַן עסיי וועגן שלום עליכמען, ווען ער איז נאָך געווען אין דער מיטל־שול, אין חיפה.

מיט דער אינטואיציע פון אַ זשעני, מיט די נאָז־לעכער פון אַ יאַגד־הונט האָט דער דאָזיקער יונגער מאַן געשריבן:

„זיי ווילן איך זאָל זיך פילן פרעמד מיט שלום עליכמען, פאַרוואָס? דאָס קאָן איך נישט פאַרשטיין. פאַרוואָס זאָל טאָם סאיער זיין וויכטיק פאר מענטשן, און סטעמפעניו פון שלום עליכם, אָדער מאָטל פייסיס זאָל עס נישט זיין?

איך פיל: „זיי זענען סאַברעס".

דזשימי האָט געפילט, אַז עס איז נישטאָ קיין ווידער־שפּרוך צווישן דעם ישראלדיקן יונגן סאַברע, דעם קליי־

— קינד מיינס, ביסט דאָ? וואָס טוסטו? בערטע איז געווען ביי דיר?

ווילסט עסן?

— זע מאַמע, דאָס געפעלט דיר?

זי קוקט זיך איין אין מיין מאָלעריי מיט אויגן, איך גאָט וויס וואָסערע. איך וואַרט דעם משפט. ענדלעך לאָזט זי ארויס פאַרטראַכטערהייט:

— יאָ, מיין זון, איך זע. דו האָסט טאַלאַנט. נאָר קינד מיינס, הער מיך אויס: אפשר וואָלסטו גלייכער געוואָרן א משרת? ס'איז מיר אַ רחמנות אויף דיר. ווו טויגסטו מיט דיינע פלייצעס? און פון וואַנען קומט דאָס צו אונדז?...

★

— גענוג שוין ברענען קעראָסין (זאָגט די מאַמע), גיי שלאָפן. איך האָב דיר געזאָגט, אַז אוראָקן דאַרף מען מאַכן בייטאָג, משוגענער.

דערפאַר אין פינפטן קלאַס האָט מיט מיר פאַסירט אזוינס: ביים צייכענען האָט איינער פון די ערשטע בענק־לעך פלוצלינג צעעפנט פון פאַפּיראָס־פאַפּיר אַ צייכענונג (אַ קאָפּיע פון דער „ניוואַ").

און... אַ כאַאָס, לאָזט מיך! איך געדענק נישט, נאָר די צייכענונג און דאָס, וואָס זי איז געמאַכט געוואָרן פון דעם דאָזיקן שקאָלניק, און נישט פון מיר, האָט מיך אָנגעצונדן ווי אַ פייער. איך בין אַוועק אין ביבליאָטעק, ארויסגעשלעפּט די גראָבע „ניוואַ", און איך האָב אָנגע־הויבן אַראָפּמאָלן דאָס — רובינשטיינס פאָרטרעט צוליב זיינע אויגן מיט די קישעלעך און מיט די קנייטשן; דאָס — אַ גרעטשאַנקע צי עפּעס אַנדערש, אָדער — עפּעס אייגנס, און דאָס אַלץ האָב איך צעהאָנגען אין אונדזער שלאָף־צימער.

איך האָב גוט געקענט אַלע זידלערייען פון גאַס — און אויך אַביסל לייטישע ווערטער. נאָר אַזאַ מין פאַנ־טאַסטיש בוכוואָרט, אַזאַ מין נישט־דאַיק וואָרט ווי „כודאָזשניק" — האָב איך נישט געהערט. ס'הייסט, איך האָב יאָ געהערט, נאָר אין אונדזער שטאָט האָט מען עס קיינמאָל נישט געזאָגט. ווי קומט עס? איך וואָלט קיינמאָל נישט געקענט, לויט איינגעבוירענער — איך וויס נישט וואָס — דערלויבן זיך אפילו אין געדאַנק אויסרײדן אַזאַ וואָרט. נאָר מיין חבר האָט דערזען די צעהאָנגענע בילדער אויף אונדזער וואַנט, האָט ער אַ זאָג געטאָן אַזוי:

— הער נאָר, דו ביסט דאָך אַן אמתער כודאָזשניק!

— וואָס הייסט כודאָזשניק? ווער כודאָזשניק? קען איך דען אין דער אמתן אויך זיין אַ... זאָג?

ער איז אַוועקגעגאַנגען און האָט מיר גאָרנישט געענט־פערט. און איך האָב זיך דערמאָנט, אַז ערגעץ, אין דער שטאָט וויטעבסק, האָב איך אין דער אמתן געזען אַ גרויס שילד, ווי אויף די קראָמען:

„אַ שול פון מאָלעריי און צייכענען פון כודאָזשניק פּען".

און איך האָב אַ טראַכט געטאָן:

מיין גורל איז באַשטימט. מען דאַרף נאָר אַהין אריין און ענדיקן די שול, ווי איך בין שוין אַ פאַרטיקער כודאָזשניק. און איך וועל זיך אָפּגעזעגענען מיט דער מאַמעס חלומות וועגן א משרת, אַ בוכהאַלטער, אָדער אין בעסטן פאַל — אַ פאָטאָגראַף מיט מעבל.

# ישראלי אָדער ייד?

יוסי גאַמזע

יוסי גאַמזע — פּאָעט, קריטיקער און נאָוועליסט איז אַלט 38 יאָר. ער געהערט צו דער יינגערער גענעראַציע פון ישראלס אָנגעזעענע שרייבער. ד"ר גאַמזע איז איצט גאַסט־פּראָפעסאָר אויפן סידנעיער אוניווערסיטעט, ווו ער גיט לעקציעס וועגן מאָדערנער העברעישער ליטעראַטור.

**בין איך אַ ישראלי — אָדער בין איך אַ ייד?** פאַר אַ סך פון ישראלס שרייבער איז עס אַ פּראָבלעם. א סך פון זיי האָבן אין די לעצטע יאָרן ערשט אָנגעהויבן צו באַ־נעמען — זינט דער זעקס־טאָגיקער מלחמה, אָדער אפילו ערשט זינט דער יום־כיפור מלחמה — אַז זייענדיק אַ ישראלי, איז ער אפשר אויך אַ ייד.

צום גליק בין איך געבוירן געוואָרן אין א משפחה — ווו אַזאַ פּראָבלעם איז נישט געווען. איך בין געווען אַ ייד אין זעלבן אויגנבליק, ווי איך האָב אָנגעהויבן צו טראַכטן וועגן זיך.

איך האָב נישט געהאַט קיין איינרעדעניש פון העכער־קייט, און אויך נישט פון מינדערווערטיקייט צוליב דעם.

פאַר מיר פערזענלעך באַדייט דאָס זיין אַ ייד, אידענטיש — ווי זיין אַ ישראלי.

איך בין געבוירן געוואָרן אין אַ פאַמיליע, ווו איין צד קומט פון מזרח, פון די אזוי גערופענע „אָסט־יידן", מיט זייערע זכרונות פון פאָגראָמען פון ידישן פינסק — און פון דער אַנדער זייט איז געווען די אַסימילירטע, פאַר־דייטשטע ידישע משפחה פון מיין מוטערס צד. איך געדענק די פאַרבלאַסטע ברוינע פאָטאָגראַפיע פון מיין זיידן מיט זיינע מעדאַלן, געשאָנקען פון קייזער. ער איז געווען טיף איבערצייגט אין זיין גלויבן, אַז ער איז נישט קיין ייד, נאָר אַן איינפאַכער באַאַמטער פון קייזער פראַנץ יאָזעף, וואָס געהערט צו משהס גלויבן.

דער ישראלדיקער נאָוועליסט און הומאָריסט דן בן אַמוץ איז געבוירן געוואָרן ווי משה תהילימזאָגער. פאַר אים איז עס געווען כמעט ווי א בושה צו אַרומטראָגן זיך מיט אַזאַ מין נאָמען. פאר אים „מאָישע" — איז געווען עפּעס אַ „מאָישע" — א געטאָ־יינגל, און תהילימזאָגער איז געווען נאָך מער חרפה'דיק. האָט ער אים געטוישט אויף אַ זייער סאַברע־קלינגענדיקן נאָמען: דן בן אמוץ. א סך שפּעטער שוין, אין דער נאָוועלע: „צו געדענקען און צו

# מאַרק שאַגאַל

מאַרק שאַגאַל איז געבוירן געוואָרן אין דער שטאָט וויטעבסק אין יאָר 1887. נאָך דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע איז ער געווען קונסט־דירעקטאָר פון יידישן טעאַטער אין מאָסקווע. אין יאָר 1922 — עמיגרירט ער קיין פראַנקרייך.

די קונסט־וועלט צייכנט איצט אָפּ שאַגאַלס 90־טן געבוירן־טאָג. צו דער געלעגנטהייט שיקן מיר אים איבער אונדזערע האַרציקסטע ברכות.

מיר ברענגען דאָ עטלעכע אויסצוגן פון זיין אויטאָביאָגראַפיע.

**דאָס ערשטע, וואָס עס האָט זיך מיר אַ וואָרף געטאָן אין די אויגן, איז געווען אַ מולטער. אַ פשוטע, פירעקיקע, האַלב־טיפע, האַלב־פלאַכע מולטער. אַ מאַרק מולטער. איך בין אין איר אריין אינגאַנצן.**

**איך געדענק ניט ווער, דאַכט זיך, די מאַמע האָט מיר געזאָגט, אז בשעת זי האָט מיר געהאַט אין וויטעבסק, אויפן פיסקעוואַטשיק, הינטער דער טורמע, אין אַ קליין הייזעלע לעבן שאָסיי איז געווען אַ גרויסע שרפה. ס'האָט געברענט די שטאָט — יענער טייל, וואָס איז באַזעצט מיט יידן, אָרעמעלייט. דאָס בעט מיטן מאַטראַץ, אינאיינעם מיט מיר צופוסנס ביי דער מאַמען, האָט מען איבערגעטראָגן אויף אַ זיכערן אָרט, אין אַן אַנדער עק שטאָט.**

**נאָר פריער פון אַלץ בין איך געבוירן געוואָרן א מת... איך האָב נישט געוואָלט זיין קיין לעבעדיקער. שטעלט זיך פאָר אַ בלאַסן פענכער, וואָס וויל נישט לעבן אויף דער וועלט... פונקט ווי ער וואָלט זיך איבערגעגעסן מיט שאַגאַלס בילדער. מען האָט עס געשטאָכן מיט שפילקעלעך, געמינטערט, געוואָרפן אין אַן עמער מיט וואַסער און ענדלעך האָט עס אַ פישטשע געגעבן. אָבער וויכטיק**



מאַרק שאַגאַל מאָלט אַ בילד פון זיין פרוי (1932־1933)

**איז דאָס, וואָס איך בין געבוירן געוואָרן א מת. איך וואָלט זייער געוואָלט, אז פסיכאָלאָגן זאָלן דערפון נישט ארויסדרינגען קיין אומגינסטיקן משפט פאר מיר... האָט רחמנות!**

**דאָך, דעם טאַטנס און דעם זיידנס הייזעלע אויף „פיסקאַוואַטיוקע", ביים שאָסיי, איז גאַנץ געבליבן. דאָס דאַזיקע הייזעלע דערמאָנט מיר אָן דער שישקע אויפן קאָפּ ביי דעם גרינעם מגיד, וועלכן איך האָב געמאָלן אין וויטעבסק, אין יאָר 1914; און נאָך דערמאָנט עס מיר אָן אַ קאַרטאָפל אריינגעוואָרפן אין אַ הערינג־פאַס און אויסגעצוואָגן אינעם ראָסל.**

★

**האָט איר ווען עס איז געזען איינעם פון די „צופעליקע פערסאָנאַזשן" אויף די פלאָרענטישע בילדער, מיט אַ באָרד, קיינמאָל נישט געשוירן, אויגן — אַש און ברוין גלייכצייטיק, מיט אַ פּנים פון געברענטער אָרכע, געקנייטשט און גערונצלט. דאָס איז מיין טאַטע.**

**אָדער, האָט איר געזען אַ פאַרשוין פון דער הגדה, פסחדיק און תמעוואַטע... „זיי מיר מוחל טאַטע". געדענקסט, כ'האָב געמאָלן פון דיר אַן עטיוד. דיין פאָרטרעט האָט געדאַרפט מאַכן דעם איינדרוק פון ליכט אין צאַנקען און אויסגיין... דיין ריח איז דער ריח פון חלום. אַ פליג האָט געזשוזשעט — צום טייוול! איבער איר ווער איך אַנטשלאָפן.**

★

**איך האָב געוואָלט זאָגן, אַז ערגעץ אין איר (דער מאַמען) איז געווען מיין טאַלאַנט, אַז אַלץ האָט זיך מיר איבערגעגעבן, חוץ איר חכמה, דאַכט זיך. אָט גייט זי צו מיין צימער (ביי יאַוויטשן אויפן הויף) און פרעגט:**

---

די אויפשטאַנדן פון די רעשטלעך פון אַן אויסגעהערגעט פאָלק, האָבן געהאַט איין ציל: נקמה צו נעמען אין די מערדער.

די רעליגיעזע און פאָליטישע סיבות, וועלכע ווירקן אין דער ריכטונג פון וועלן אריינקוועטשן די גבורה פון די העלדן אין דעם טאָג געווידמעט די געפאַלענע פון צה"ל, איז נישט נאָר נישט ריכטיק — נאָר אויך אומפאַרשטענדלעך. דאָס איז באַשטימט געוואָרן, אָן פאַרשטענדיקן זיך אפילו, מיט דער אָרגאַניזאַציע, וועלכע פירט אָן מיט דער קאַצעטלער־באַוועגונג. צו דער אָרגאַניזאַציע געהערן 15 פאַרבאַנדן פון פאַרשידענע לענדער, און איז אָנערקענט ביים יידישן פאָלק, ווי די רעפּרעזענטאַנץ פון די דירעקט־געליטענע קרבנות פון נאַציזם.

עס נעמט ארום אַ שוידער פון דעם בלויזן געדאַנק, אַז קוים עטלעך און דרייסיק יאָר נאָכן חורבן — און שוין ווערן געמאַכט פרווון צו פאַרבלאַסן די טראַגעדיע. און נישט ווילנדיק רייסט זיך ארויס די פראַגע: ווילן אויך יידן פאַרגעסן?

**וו. יאַבלאָנסקי**

וו. יאַבלאָנסקי

# ווילן אויך יידן פאַרגעסן?!

ווען די לעבנגעבליבענע רעשטלעך פון פאָלקס־חורבן זענען קוים־לעבעדיקע ארויסגעקומען פון די טויטן־לאַגערן, און די קעמפער — פון די וועלדער — איז מיט איינמאָל פאַר זיי טראַגיש קלאָר געוואָרן: זיי האָבן אַלץ פאַרלוירן. שוין מער נישט געווען דאָס פאַמיליע־לעבן; די היים; די קולטור־אינסטיטוציעס, די ידישע פרנסות. דאָך האָט קיינער זיך נישט איינגעבראָכן; קיין איינער איז נישט באַקאַנגען זעלבסטמאָרד.

ביסלעכוויז האָבן די פאַרצווייפלטע ידישע מענטשן אָנגעהויבן ווידער אויפבויען דאָס פערזענלעכע לעבן; שאַפן זיך עקזיסטענץ־מעגלעכקייטן; אויפשטעלן ידישע שולן; רעליגיעזע אַנשטאַלטן. ביסלעכוויז הויבט זיך אָן אַנט־פלעקן די גרויסע פאָלקס־טראַגעדיע.

יידן הויבן אָן ציילן די פארלוסטן. די ציפער איז אַן אומגלויבלעכע. גאַנץ איירָאָפּע איז באַפלעקט מיט ידיש בלוט. ספּעציעל פּוילן, ווו ס׳זענען אומגעקומען 90 פּראָ־צענט פון יידישן פאָלק.

פאַר די אומגעקומענע ווערט אויפגעשטעלט דער ערשטער שטיין: אַ סימבאָלישע מצבה אין וואַרשע, צום דריטן יאָרטאָג פון וואַרשעווער געטאָ־אויפשטאַנד. דער שטיין שטייט אויפן אָרט, ווו ס׳איז אַמאָל געווען א רוישיק ידיש לעבן: ראָג גענשע און זאַמענהאָף.

19טער אַפּריל איז געוואָרן דער סימבאָלישער טאָג, ווען יידן האָבן געטרויערט און דערמאָנט די קדושים און העלדן פון דריי און דרייסיק טויזנט חרוב־געוואָרענע יידישע קהילות.

די נישט־יידישע וועלט האָט שנעל פאַרגעסן די בלו־טיקע צווייטע וועלט־מלחמה. זייערע פאַרלוסטן האָבן אויסגעזען נישטיק אין פאַרגלייך מיט די פארלוסטן פון יידישן פאָלק.

די יידן האָבן געמאָנט די באַשטראָפונג פון די צענד־ליקער טויזנטער פאַרברעכער, וועלכע האָבן פריי און אומ־באַשטראָפט זיך באַוועגט איבער איירָאָפּע און אמעריקע. דער נירנבערגער פּראָצעס, וועלכע האָט פאַראורטיילט די פירער פון דריטן רייך, האָט אָבער גאָרנישט געטאָן אין דער ריכטונג פון באַשטראָפן די מערדער, וועלכע האָבן זיך גוט איינגעאָרדנט אדאנק דאָס גוטס — אָנגעראָבעוועט ביי יידן.

די ערשטע, וועלכע האָבן געפאָדערט די באַשטראָפונג פון דייטשן פאָלק און די פאַרברעכער צווישן זיי, איז געווען די אָרגאַניזאַציע פון יידישע קעמפער, פאַרטיזאַ־נער קאַצעטלער. די זעלבע אָרגאַניזאַציע שטייט טאָג־טעגלעך אויף דער וואַך קעגן די פינצטערע כוחות פון ברוין, גרין און רויט. זי וואָרנט דער וועלט און לאָזט נישט פאַרגעסן אין דער טראַגעדיע פון יידישן פאָלק בשעת דער צווייטער וועלט־מלחמה.

די זעלבע אָרגאַניזאַציע פון אַנטי־נאַצי קעמפער און פאַרפאָלגטע איז אויפגעציטערט (און צוזאמען מיט איר — מיליאָנען יידן אין דער וועלט) פון דעם פאָרשלאָג, וועלכער איז אריינגעטראָגן געוואָרן אין דער כנסת, אַז דער טאָג פון אומקום און גבורה — כ״ז ניסן זאָל איבער־געטראָגן ווערן אויף אַן אַנדער דאַטע.

דער פאָרשלאָג צילט פּאַקטיש אָפּצווישן דעם סימבאָ־לישן טאָג פון אונדזער טראַגעדיע, וועלכער איז היינט־צו־טאָג דער הייליקסטער טרויער־טאָג ביי יידן.

די מענטשן, וועלכע שטיצן דעם פאָרשלאָג, האָבן פּראַקטיש ביז איצט נישט געהאַט קיין שום געמיינזאַמעס מיט די קאַצעטלער־אָרגאַניזאַציעס און זייער טעטיקייט.

ס׳איז נישט צו פארשטיין, אז מענטשן, וועלכע לעבן אין אמעריקע און האָבן נישט געהאַט קיין שום געמיינ־זאַמעס מיט יידישן אומקום און גבורה אין דער צווייטער וועלט־מלחמה, זאָלן זיך נעמען דאָס רעכט צו ליקווידירן אַזאַ געהייליקטן טרויער־טאָג וואָס צייכנט אָפּ די פאָלקס־טראַגעדיע פון 20־טן יאָרהונדערט און אַריינקוועטשן זי אין אַ געשיכטלעכער געשעעניש, וועלכע האָבן נישט קיין גע־מיינזאַמעס מיט אונדזער חורבן. דער פאָרשלאָג צו פאַר־איניקן דעם טאָג פון שואה מיט ט׳ באב, האָט נאָר אין ציל — צו אויסמעקן פון דער געדעכעניש פון פאָלק די קרבנות פון נאַציזם.

ווי באַוווסט, גייט דער פאָרשלאָג פון דער ישראל־רעגירונג אין דער ריכטונג פון פאַנאַנדערטיילן דעם טאָג פון אומקום, און באַזונדער — דעם טאָג פון גבורה. די שואה פאַרבינדן מיט תשעה באב, און דעם טייל פון גבורה פאַרבינדן מיט דעם אָנדענק טאָג פאַר די געפאַלענע העלדן פון צה״ל.

די געפאַלענע העלדן פאַר ישראלס פרייהייט און זעלבסטשטענדיקייט האָבן געקעמפט אין אַנדערע באַדינ־גונגען, ווי די קעמפער, אין די צייטן פון דער דייטשער אָקופּאַציע. ערשטנס זענען די ישראל־סאָלדאַטן געווען באַ־וואָפנט, אויסגעשולט. הינטער זיי איז געשטאַנען די רעגי־רונג. אָנגעפירט מיט די קאַמפן האָט אַ גענעראַל־שטאַב. דער קאַמף האָט ארומגענומען די גאַנצע ישראל־באַפעל־קערונג. די געטאָ־קעמפער — אין די געטאָס און לאַגערן האָבן געקעמפט איינזאַם, ארומגערינגלט פון א פיינטלע־כער וועלט, קוים באַוואָפנט. אין די באַדינגונגען האָבן די קעמפער אין וואַרשעווער געטאָ אַנטקעגנגעשטעלט זיך א שונא פאר וועלכן נישט איין ארמיי האָט קאַפּיטולירט. דער געראַנגל מיט די נאַציס האָט געדויערט איבער זעקס וואָכן, ביז עס איז געפאַלן דער לעצטער קעמפער.

דער יידישער אויפשטאַנד אין טרעבלינקע, וועלכער האָט געדויערט איין טאָג געהערט צו די בלוטיקסטע. עס זענען דאַן געפאלן הונדערטער קאַצעטלער — אָבער אויך הונדערטער ס.ס.־לייט. אין רעזולטאַט פון דעם גוט־צוגע־גרייטן אויפשטאַנד איז פאַרברענט געוואָרן דער לאַגער און די קרעמאַטאָריעס. אַ צאָל קאַצעטלער זענען אַנטלאָפן אין די ארומיקע וועלדער. אויך ביאַליסטאָק, סאָביבאָר, אוישוויץ האָבן פאַרשריבן אַ העראָיש קאַפּיטל אין דער געשיכטע פון יידישן ווידערשטאַנד.

### תירוץ נר. 2

מיר זענען אַ קולטור־שאַפנדיק פאָלק מיט אַן אייגע־נער נאַציאָנאַלער שפּראַכן־ספערע. דאָס ייִדישע פאָלק איז נישט קיין פּראָדוקט פון דרויסנדיקע אומשטענדן. מיר זענען אַ פאָלק פון אַן אינעווייניקסטער אַנטוויקלונג, וואָס דויערט שוין איבער 3 טויזנט יאָר — טאָ פאַרוואָס זוכן אַ באַהעפטונג מיט אַן אַנדער פאָלקישקייט (אַנגלאָ־סאַק־סיש־ראָמאַנישׂ אָדער סלאַוויש) וועלכע האָבן נישט אַזאַ גרויסע היסטאָרישע פאַרגאַנגענהייט און אזא קולטור־רייכקייט?

### קשיה נר. 3

צי פאַרשטייען נישט די ייִדישע געזעלשאַפטלעכע טוער פון כמעט אַלע ריכטונגען און שאַטירונגען, וואָס דאָמינירן היינט אין די ייִדישע ישובים איבער דער גאָרער פרייער וועלט, אַז טראַדיציאָנעל רעליגיעזע אָדער וועלט־לעכע ייִדישקייט מיט ענגליש אָדער ייִדיש — באַדייט אידענטיפיקאַציע צו דער ייִדישער געמיינזאַמקייט אין דעם לאַנד ווו מיר זענען בירגער מיט אַלעמען גלייך. דאָס באַדייט אויך דאַיקייט. איז דאָס נישט אין קאָנפליקט מיט אונדזערע טאָג־טעגלעכע זאָרגן און איבערגעגעבנקייט פאַר מדינת ישראל?

### ענטפערן מיר דערויף:

דער געשיכטעלכער גאַנג פון ייִדישן פאָלק נאָך דעם גרויסן נאַציאָנאַלן חורבן אונדזערן, מיטן אַנטשטיין פון דער ייִדישער מדינה און די נאַציאָנאַלע געפאַר נאָך די לעצטע 2 מלחמות פון מדינת ישראל (1973־1967) האָבן באַוויזן, אַז מדינת ישראל און אַלע ייִדישע ישובים איבער דער גאָרער וועלט — שטעלן מיט זיך פאָר אַ פּער־מאַנענטן באַשטאַנד־טייל פון עקזיסטענץ און קיום פון גאַנצן ייִדישן פאָלק. די לעצטע אָנגענומענע לאָזונגען אין דער ייִדישער מדינה „מיטן פּנים צום גלות און מיטן האָרץ צום לשון הקודשים — ייִדיש", באַוויזט בולט, אַז אין די אינטערעסן פון דער ייִדישער מדינה, זענען וויכ־טיק געזונטע ייִדישע ישובים מיט אַ קאָנקרעטער אידענ־טיפיקאַציע צום ייִדישן פאָלק, באַגלייט מיט דאַיקייט.

### קשיה נר. 4

צי איז נישט דער וווּקס פון אוניווערסאַלער וויסנשאַפט אויף אַלע געביטן. דער וווּקס פון דעמאָקראַטישע פריי־הייטן, דער וווּקס פון מאַטעריעלן וווילשטאַנד אין די אַלע פרייע — דעמאָקראַטישע לענדער — אויסטראַליע דערי־נען — אַ גורם פון לאַנגזאַמער אונטערגאַנג פון ייִדישקייט און פון ייִדישער אידענטיפיקאַציע ?

יאָ, עס איז אמת, אַז די ייִדישע ישובים אין אַלע דעמאָקראַטישע לענדער זענען באַדראָט דורך פּראָ־צעסן פון אַסימילאַציע, וואָס האָבן אַ נייעם נאָמען — אוניווערסאַלע און טעכנאָלאָגישע אַסימילאַציע — און אין רעזולטאַט ברענגט די דאָזיקע „נייע" אַסימילאַציע אונ־טערגאַנג פון ייִדישקייט און ייִדישער נאַציאָנאַלער זעלבסשטענדיקייט.

אַלע ייִדישע ישובים אין דער פרייער וועלט, גייען אַדורך אינעווייניקסטע טראַנספאָרמאַציעס, וואָס זענען אַ רעזולטאַט פון די פיזיאָנאָמישע ענדערונגען וואָס די דאָזיקע ישובים האָבן אַדורכגעמאַכט אין די לעצטע 25 יאָר סיי אין פּאָזיטיוון און סיי אין נעגאַטיוון זין.

עס וואָלט דעריבער געווען קורצזיכטיק צו לייקענען, אַז אַ סך גרויסע ייִדישע קולטור־אינסטיטוציעס איבער דער פרייער וועלט, די גרויסע ייִדישע קולטור־אָרגאַניזאַציע „קדימה" אין מעלבורן פּלוס דעם קלענערן ייִדישן „פאָלקס־צענטער" אין סידניע, וואָס זענען מיט אזוי פיל מי און ענערגיע אַוועקגעשטעלט געוואָרן אויף אַ געהע־ריקן ייִדישן קולטור־ניוואָ דורך דער מסירת־נפשדיקייט פון די ייִדישע קולטור־טוער צוזאמען מיט דעם ייִדישן פאָלקס־מענטש פון מזרח־אייראָפּע — הייבן זיך אָן צו קרישלען אונטער דער לאַסט פון אבסענטעאיזם פון די „אַלטע" און „יונגע" אויף ייִדישע קולטור־אימ־פּרעזעס און קולטור־אַקטיוויטעטן, וואָס די דאָזיקע שיינע און מאָדערנע ייִדישע קולטור־אָרגאַניזאַציעס פירן דורך. און פאַרשטייט זיך, אַז אין פּועל־יוצא פון דעם דאָזיקן אבסענטעאיזם, קומען נישט באַקרעפּטיקטע אויספירונגען פון דעפעטיזם און אַפּהענטיקייט אויף די געביטן פון ייִדישע קולטור־טעטיקייט סיי קוואַליטאַטיוו און סיי קוואַנטיטאַטיוו.

צוליב די דאָזיקע נייע אומשטענדן פון פיזיאָנאָמישע ענדערונגען און די אינעווייניקסטע טראַנספאָרמאַציעס מיט דעם באַגלייט פון אבסענטעאיזם קען ברענגען, אַז מיר זאָלן חס וחלילה בלייבן אָן יורשים...

עס איז וויכטיק און נויטיק, אַז קולטור־געזעלשאַפט־לעכע טוער פון אַלע ריכטונגען אין ייִדיש און ענגליש זאָלן אין 1977 אָנהויבן צו טאָן די זעלבע מעשים ווי עס האָבן געטאָן די ייִדישע געזעלשאַפטלעכע קולטור־טוער, מיט 30 יאָר צוריק אין 1947. זיי, די דעמאָלטדיקע קולטור־געזעלשאַפטלעכע טוער האָבן פאַרשטאַנען, אַז אויף די חורבות פון אונדזער פאַרשניטענער ייִדישער קולטור און ייִדיש וואָרט אין מזרח־אייראָפּע, דאַרף מען אויפבויען אַ נאַציאָנאַל קולטור־געזעלשאַפטלעכן לעבן אין די נייע ישובים, מיט די אַלע ייִדישע חנען, פאַרבן און קאָלירן בכדי צו פאַרפעסטיקן אונדזער נאַציאָנאַלן קיום.

די ייִדישע קולטור־געזעלשאַפטלעכע טוער, דאַרפן זיך אונטערגאַרטלען און ווידער באַנייען די דאָזיקע קולטור־געזעלשאַפטלעכע אַרבעט — בכדי צו פאַרהיטן די ייִדישע ישובים פון דער אוניווערסאַלער־טעכנישער אַסימילאַציע און צו פאַרטיפן דעם תוך פון דעם ייִדישן ישוב סיי אינדי־ווידועל און סיי קאָלעקטיוו וואָס וועט אויך אין אַ גרוי־סער מאָס באַקרעפטיקן דער ייִדישער מדינה.

לאָמיר זיך אליין זאָגן און לאָמיר אויך דאָס זאָגן אונדזער יוגנט: „אַז אונדזערע טרוימען צו אַ בעסערער וועלט פון יושר און דין איז נאָך אַלץ אַקטועלער און בעסער ווי געווען און שווילטאָג אָן אַ ציל און אָן אַ זין".

י. ארבאַך

# פּראָבלעמען מיט אונדזער יוגנט...

**(„יונגע" קשיות און „אַלטע" תירוצים)**

דער פּאָליטיש-געזעלשאַפטלעכער מצב און ניווא פון דער ידישער יוגנט איבער דער גאָרער וועלט — אױ־סטראַליע אריינגערעכנט — איז און וועט — מן־הסתם אין די נאָענטסטע יאָרן, זיין אַ פּראָבלעם וואָס וועט פאַר־נעמען אַ גרויס אָרט אין דער ידישער געזעלשאַפט.

די ידישע יוגנט — פונקט אזוי ווי די נישט-ידישע יוגנט — אין אונדזער דעמאָקראַטיש אפלוענטישער געזעלשאַפט, איז אָנגעשטעקט מיט „רעוואָלוציאָנערע אידעאָלאָגיעס" וואָס האָבן אין זיך שעדלעכע טענדענצן, ווי דעם א"ג ניהיליזם, זעלבסט פארלייקענונג און גלייכ־גילטיקייט צו די אינטערעסן און אַספּיראַציעס פון ידישן פאָלק אויף די געביטן פון פּאָליטישער און קולטור-געזעל־שאַפטלעכער אַרבעט. די דאָזיקע גלייכגילטיקייט און זעלבסט-פאַרלייקענונג רירט אויך אָן די פּאָליטישע און קולטור-געזעלשאַפטלעכע פּראָבלעמען פון מדינת ישראל.

איז טאַקע די דרינגנדע אויפגאַבע, אז דער דאָזי־קער פּראָבלעם מיט דער יוגנט אין זיינע אַלע אויסווער־קונגען און „אויפטרייסלונגען" דאַרף ווערן באַהאַנדלט דורך אַלע פּאָליטיש-געזעלשאַפטלעכע קולטור-טוער, וואָס רעדן און טראַכטן אויף דער פלאַך פון דער אָנגענומענער שיינער לאָזונג „המשך און קיום". דער דאָזיקער אַרטיקל, וואָס באַרירט נאָר ראשי-פּרקים פון דעם ברענענדיקן און אָנגעווייטיקטן פּראָבלעם פון דער ידישער יונגט וועט זיין אין דער פאָרם פון „קשיות און תירוצים" בכדי וואָס מער געזעלשאַפטלעכע טוער און אויך וואָס מער לייענער זאָלן קאָנען אָנטייל נעמען אין דער דאָזיקער דיסקוסיע.

### קשיה נר. 1

צוליב וואָס מוזן מיר זיך האַלטן ביים ידישן פאָלק? פאַרוואָס זיך נישט צונויפגיסן מיט דער אָרטיקער באַפעלקערונג?

### תירוץ נר. 1

מען קען נישט אַנטלויפן פון זיך אליין. אונדזער לעצ־טער עפּאָכע פון 1000 יאָר ידיש-טייטש, מאָדערן-ידיש און ידישע קולטור קען מען נישט אַוועקוואַרפן ווי אַ שאָ־לעכץ פון אַ באַנאַנע. דער לעצטער שוונג און דראַנג פון אַ טייל פון דער ידישער יוגנט איבער דער גאָרער וועלט — זיך צו באַקענען און באַהעפטן מיט דער רייכער ידי־שער שפּראַך און קולטור, דאָס איז דער בעסטער באַוויז פון דעם אויבנדערמאָנטן. עס איז אויך א מין ידישער אימפּעראַטיוו פון זיך האַלטן ביי ידישקייט אין וועלכער פאָרם ס'זאָל נישט זיין בכדי נישט צו אַנטלויפן פון ידישן פאָלק. עס איז עפּעס מער ווי אַ מיסטעריע פון אונדזער קיום און המשך דורך אַלע דורות, סיי אין די „רואיקע" און סיי אין די צעטרייסלענדיקע צייטן.

### קשיה נר. 2

ווען מיר וואַרפן אַ בליק אויף דער וויטער און נאָענ־טער פאַרגאַנגענהייט, זעען מיר אַ לאַנגע „גאָלדענע" קייט פון פאַרפאָלגונגען און שחיטות. אויב אין דער איצטיקער תקופה — נאָך דער צווייטער וועלט-מלחמה — ווייזט אונדז די נישט ידישע געזעלשאַפט אין דער פרייער וועלט ארויס טאָלעראַנץ און אָפנקייט אויף אַלע געביטן, פרעגט זיך: אויב נישט אינגאַנצן אַוועקגיין פון ידישן פאָלק (דורך שמד), לאָמיר כאָטשבי זיך נישט אַנטקעגנשטעלן — די אידעע פון טאָטאַלער אסימילאַציע...

---

ווי פאַר ישראל (די קאָמפּליקאַציעס קאָנען זיין אויסערגע־ווינלעך אין אַ וועלט-פאַרנעם), אָבער פאַר ישראל וואָלט דאָס געווען אַ קאַמף פאַר דער עצם עקזיסטענץ פון דער מדינה, און דאָס ממש פיזישע לעבן פון דריי מיליאָן ידן, וואָס זענען נישט באַרייט צו גיין צו דער עקדה פאַר צווייפלהאַפטע באַקוועמלעכקייטן פון אמעריקע.

אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם, איז אינטערעסאַנט אַ ציי־טאַטע פון דעם פריער דערמאָנטן אַרטיקל פון „דיילי טע־לעגראַף": „קאַרטערס פעלד פאַר מאַנעווורירן איז זייער באַגרענעצט און זיין אינטערעס אינעם אויפהאַלטן דעם סטאַטוס קוואָ איז גרעסער, ווי זיינע עפנטלעכע דערקלע־רונגען סוגערירן"...

ס'זעט אויס, אַז די צוויי פאַראַנטוואָרטלעכע אמערי־קאַנער צייטונגען, דער „ניו יאָרק טיימס" און „וואַשינגטאָן פּאָסט" (זיי זענען אין אַלגעמיין זייער קריטיש צו ישראל) האָבן פאַרשטאַנען די געפאַר ווען זיי האָבן געוואָרנט דעם סטייט-דעפּאַרטמענט נישט סתם אַוועקצושאַרן בעגינס געהיימען שלום-פּראָיעקט, וואָס דיין האָט געבראַכט קיין וואַשינגטאָן, ווייל אין די אומשטאַנדן פאַרמאָגט דער פּראָ־יעקט פּאָזיטיווע עלעמענטן, וואָס מ'דאַרף באַטראַכטן.

ווען די זשענעווע קאָנפערענץ וועט זיך אָנהייבן, ווי לאַנג זי וועט דויערן איז שווער פאָראויסצוזען. ס'איז פאַראַן אַ שאַנס פאַר שלום. דער שאַנס איז היינט גרעסער ווי פריער, אָבער דעם קאַמף פאַר אַ גערעכטן שלום וועט ישראל מוזן פירן אין וואַשינגטאָן, ישראל און דאָס אמע־ריקאַנער ידנטום וועלן מוזן פירן אַ פאַרצווייגטע אויפ־קלערונגס-אַרבעט בכדי באַקאַנט צו מאַכן די אַמעריקאַנער עפנטלעכע מיינונג מיט דער ערנסטקייט פון די פּראָבלע־מען און די געפאַרן פאַר אַ מלחמה, וואָס דער בזשע־זשינסקי „שלום"-פּלאַן קען צעפלאַקערן.

ד"ר מ. פערשטענדיק

אַן אַ מלחמה (וואָס וואָלט סיי ווי סיי געווען האָפנונגסלאָז). אייראָפּע וועט זיין דאַנקבאַר, ווייל נאַפט וועט פליסן אומ־געשטערט און די אמעריקאַנער עפנטלעכע מיינונג וועט אויך מסכים זיין, ווייל די אַדמיניסטראַציע וועט באַהויפּטן, אַז זי האָט עטאַבלירט שלום אין אַ געביט וואָס איז געווען אַ פולווער־פאַס און געקאָנט ברענגען צו אַ וועלט־מלחמה. בזשעזשינסקי און קאַרטער וועלן באַקומען דעם נאָבעל־פּרייז פאַר שלום... ד״ר קיסינדזשער האָט אויך באַקומען דעם נאָבעל שלום־פּרייז, ווען ער האָט פאַרענדיקט די „שלום״־פאַרהאַנדלונגען צווישן סייגאָן האַנאָי...

אויב דאָס איז דער פּלאַן, איז איבערהויפּט נישט וויכטיק צי בזשעזשינסקיס אויפפאַסונגען, מיט וועלכע ער באַגרינדעט זיין לייזונג זענען לאָגיש אָדער פאַלש, זיי זענען נישט מער ווי אַ שויפּענסטער שפּיל.

ס׳איז איבעריק צו איבערצייגן, אַז אַזאַ לייזונג באַדראָט די עקזיסטענץ פון מדינת ישראל, — אין אַ נייער פּאָלי־טישער (אינערלעכער אָדער אויסערלעכער) קאָנסטעלאַציע, קאָן אַמעריקע זיין געצוווּנגען צוריקצוציען איר מיליטע־רישע אָנוועזנהייט פון ישראל, און ישראל וועט בלייבן מיט אַ פּאַלעסטינער מדינה 13 קילאָמעטער פון ים צווישן תל־אביב און חיפה, און רציעת עזה (גאַזאַ פּאַס) דרום פון תל־אביב.

אָנגענומענדיק, אַז אַמעריקע שטרעבט אויסצואיבן אַ דרוק אויף ישראל, אַז זי זאָל צוריקגעבן די טעריטאָריעס פאַר אַ פּאַלעסטינער מדינה (צוליב וועלכע סיבות דאָס זאָל נישט־זיין, אמתע־ערלעכע, אָדער היפּאָטעטיש־מאַקאַ־וויעלישע, וואָס זענען די אַלטערנאַטיוון, די ברירות פון ישראל?

וואָס מער מ׳טראַכט אריין אין אַ פּרוּוו צו אַנאַליזירן און אויפצוּוויקלען דעם פּלאָנטער צווישן די נאַציאָנאַלע אינטערעסן פון די דריי הויפּט צדדים אין דעם קאָנפליקט, אַלץ קלאָרער ווערט, אַז אַמעריקע, די אַראַבישע מדינות און ישראל מאַנעווּרירן אין אַ פעלד פון באַגרענעצטע ברירות און די פּאָזיציע פון ישראל איז די שטאַרקסטע.

די אַראַבישע מדינות זענען נישט בכוח צו דער־אָבערן די שטחים דורך מלחמה. זיי ווילן, אַז אַמעריקע זאָל זיי צוטראָגן די שטחים (אפשר האָט אַמעריקע צוגעזאָגט בסוד), אָבער ווי אַזוי קאָן אמעריקע צווינגען ישראל צו באַגיין זעלבסטמאָרד? די שונאי ישראל זאָגן: מיליטערישער און עקאָנאָמישער עמבאַרגאָ...

דער לאָנדאָנער „דיילי טעלעגראַף״ פון 19־טן יולי ה. י. באַריכטעט, אַז אויף אַ געהיימע זיצונג פון נאַטאָ מיט ד״ר בזשעזשינסקי האָבן די נאַטאָ־פאָרשטייער אים געשטעלט רעטאָרישע פראַגן און געמאָלן אַ היפּאָטעטישע סצענאַריאָ. צי קאָן מען אָננעמען — האָבן זיי געפרעגט, — אַז אין פאַל ווען די אַראַבישע מדינות וועלן באַפאַלן אַן אָפּגעשוואַכט ישראל (צוליב אַן עמבאַרגאָ) וועט אַמע־ריקע זיך צוקוקן צום אונטערגאַנג פון ישראל אונטער דעם אויסרייד „מיר האָבן אייך געוואָרנט״... דאַן האָבן זיי אים געטאַפּט דעם דפק מיט אַ סצענאַריאָ: דאָס „האָמ־לענד״ וועט דאָך זיין נישט מער ווי אַ סובסידירטער צענ־טער פון פּאַלעסטינער פּראָוואָקאַציעס קעגן ישראל. וואָס קאָן זיך צעפלאַקערן אין אַ מלחמה און אמעריקע וועט ווערן דירעקט אריינגעצויגן אין אַ מיליטערישן קאַמף קעגן די אַראַבער, ווייל אַמעריקע האָט זיך דאָך פאַר־פליכטעט און גאַראַנטירט אידער ישראל איז מסכים געווען צום דעם „האָמלענד״... דער „דיילי טעלעגראַף״ באַריכ־טעט, אַז בזשעזשינסקי האָט נישט געגעבן קיין דירעקטן ענטפער, נאָר באַטאָנט, אַז ישראל דאַרף זיי „ריזאָנעבל״...

פאַרשטייט זיך, די נאַטאָ־פאָרשטייער זענען פאַקטיש אויסן געווען זיך צו אָריענטירן, ווי ווייט זייערע לענדער קאָנען זיך פאַרלאָזן אויף אמעריקע. ווייל אויב אמעריקע איז באַרייט די פאַראַטן ישראל בכדי צו געפינען חן אין די אויגן פון די אַראַבער פאַר באַקוועמלעכקייטן (מער נאַפט און אפשר ביליקער נאַפט), — וואָס זענען ווערט די אַמעריקאַנער גאַראַנטיעס קעגן רוסלאַנד, אַן אַטאָמישע סופּערמאַכט, וואָס קען צעשטערן אַמעריקאַנער שטעט?...

די פאַרלעסלעכקייט פון אַמעריקע, דער סטאַטוס פון אַמעריקע אלס וועלט־מאַכט (ספּעציעל נאָך וויעטנאַם) שטייט אין קאָן.

אין סעפּטעמבער 1975 האָט ישראל דורכגעפירט דעם צווייטן ריקצוג פון סיני. צוריקגעגעבן די נאַפט־קוואַלן, ווייל אמעריקע האָט זיך פאַרפליכטעט פאַר דער צוקונפט צו ליפערן מיליטערישע אויסשטאַטונגען און מאַטעריאַלן; צוזושטעלן ישראל איר באַדערפעניש פאַר ענערגיע (קאָמפּענסאַציע פאַר די נאַפט־קוואַלן) און עקאָנאָמישע הילף. אַ וועלט־מאַכט קאָן נישט ברעכן אַ פאַרפליכטונג צו פאַרלירן איר אָנזען און ראָל אין דער וועלט. דערפאַר שטרייכן אונטער קאַרטער, וואַנס און בזשעזשינסקי, אַז אמעריקע וועט נישט נוצן די מיליטערישע און עקאָנאָ־מישע הילף אַלס אַ דרוקמיטל קעגן ישראל, חוץ דעם וואָלט דאָס געווען קאָנטער־פּראָדוקטיוו און נאַריש, ווייל דאָס וואָלט איבערצייגט יעדן ייד אין ישראל, אז מ׳קאָן זיך נישט פאַרלאָזן אויף אמעריקעס פאַרפליכטונגען און גאַ־ראַנטיעס פאַרן פּרייז צוריקצוגעבן טעריטאָריעס.

אָבער דער הויפּט־אַרגומענט קעגן אַן עווענטועלן אַמעריקאַנער עמבאַרגאָ איז, אַז דאָס וואָלט געצוווּנגען ישראל צו אַ פּרעווענטיווע מלחמה קעגן די אַראַבישע מדינות.

דער ישראל אויסערן־מיניסטער גען. דיין האָט דעם ענין געמאַכט קלאָר, ווען ער האָט אין בעלגיע אויפן וועג קיין וואַשינגטאָן אָפן דערקלערט אַז אָנשטאָט צו עקצעפּ־טירן אַ פּאַלעסטינער מדינה, וואָס וועט חרוב מאַכן ישראל אין דער צוקונפט, איז בעסער א מלחמה היינט. אויך די „וואַשינגטאָן פּאָסט״ האָט מיטגעטיילט, אַז ישראל פּלאָנירט א מלחמה, וואָס וועט חרוב מאַכן די אַראַבישע ארמייען און די פּרעסע האָט באַריכטעט, אַז פאַרטיי־דיקונגס־מיניסטער עזר ווייצמאַן האָט דערקלערט פאַר אמעריקאַנער יידישע פּערזענלעכקייטן, אַז אויב ס׳וועט קומען צו אַ מלחמה וועט ישראל צעשמעטערן די אַראַבישע אַרמייען בליץ־שנעל אידער אַמעריקע אָדער דער זיכער־הייטס־ראַט וועט קענען אינטערווענירן.

דווקא די מלחמה אַלטערנאַטיווע מוז אמעריקע זען צו פאַרמידן. אַזאַ מלחמה איז געפערלעכער פאַר אמעריקע

„די באַהאַנדלונג פון פּאַלעסטינער אינטערעסן", מיט די ווערטער „לעגיטימע רעכט פון די פּאַלעסטינעזער".

אינעם פּאָליטיש־דיפּלאָמאַטישן זשאַרגאָן באַנוצט מען זיך אָפט מיט „צייכן ווערטער". דאָס „צייכן וואָרט": „לעגי־טימע רעכט פון די פּאַלעסטינעזער" באַדייט אין דער אַראַבישער וועלט, די טאָטאַלע אויפלייזונג פון מדינת ישראל און דאָס עטאַבלירן אויפן אָרט פון מדינת ישראל די סעקולערע אַראַבישע מדינה פון יאַסיר אַראַפאַט... הייסן, הייסט עס, אַז פּרעז. קאַרטער האָט זיך נישט אָר־יענטירט אין דעם אונטערשיד צווישן די באַגריפן „פּאַלעס־טינער אינטערעסן" און „לעגיטימע רעכט פון די פּאַלעס־טינעזער" וואָס איז אַן אַראַביש צייכן וואָרט. די יועצים האָבן קאַרטערן אונטערגעפירט, זיי האָבן אים אונטער־געררוקט אַ דאָקומענט און ער האָט אים אויטאָריזירט. אמת, דער אינהאַלט פון דעם דאָקומענט (די געמיינזאַמע אמעריקאַנער־סאָוויעטישע דערקלערונג) נעמט נישט אָן דעם באַגריף פון דעם „צייכן וואָרט", אָבער אין דער אַראַ־בישער וועלט האָט דאָס באַנוצן זיך מיט דעם זאַץ ארויס־גערופן האָפנונגען, וואָס וועלן זיכער נישט פאַרלייכטערן די שלום פאַרהאַנדלונגען.

וואָס שייך דעם באַגריף „האָמלענד" האָט פּרעז. קאַר־טער געמאַכט איין ריקצוג נאָך דעם צווייטן זייט ער האָט דאָס ערשטע מאָל זיך באַנוצט מיט דעם אויסדרוק אין מערץ 1977. למשה „האָמלענד" מיינט נאָר אַן „איינהייט" פאַרבונדן מיטן קעניגרייך פון ירדן, אָבער אויך מיט אַ רעכט נאָך אַ צייט צו דעצידירן איר זעלבשטענדיקייט... און לויט אַ באַריכט פון 16־טן אָקטאָבער ה. י. האָט קאַר־טער אויפגעקלערט א גרופּע אַמעריקאַנער רעדאַקטאָרן, אַז ער איז קעגן אַ זעלבשטענדיקער פּאַלעסטינער מדינה, וואָס ער מיינט איז אַ פּאַלעסטינעזישע „איינהייט" אונטער אַראַבישער ציווילער קאָנטראָל, אָבער די „איינהייט" וועט זיין פאַרטיידיקט דורך דער ישראל אַרמיי. די אָנוועזנהייט פון דער ישראל אַרמיי וועט זיין נאָר צייטווייליק. די צייט וועט באַשטימט ווערן אין אונטערהאַנדלונגען אויף דער זשענעווער קאָנפערענץ.

אָבער וואָס פּרעז. קאַרטער זאָגט פאַר דער עפנטלעכ־קייט בכדי צו באַרואיקן די עפנטלעכע מיינונג — איז איין זאַך און וואָס זיינע יועצים ווילן דערגרייכן אין סודות־דיקע פאַרהאַנדלונגען — אין אַן אַנדערע זאַך.

פון דעם איצט פאַרעפנטלעכן „אַרבעטס־דאָקומענט" פאַר דער זשענעווער קאָנפערענץ און די פּראָטאָקאָלן פון די קאַרטער־דיין געשפּרעכן — איז צו זען, אַז די אַמע־קאַנער האָבן כמעט איינגעלייגט וועלטן אין אַ פּרווו אריינ־צופירן די פּ.ל.אָ. אַלס אָנטיילנעמער אין דער זשענעווער קאָנפערענץ, אָבער צום סוף האָבן זיי אָנערקענט, אַז ישראל האָט דאָס רעכט זיך קעגנצושטעלן דער באַטייליקונג פון דער פּ.ל.אָ.

אין דעם צוזאַמענהאַנג טויכט אויף די פראַגע, וואָס איז דער אינטערעס פון אמעריקע אין אריינפירן די פּ.ל.אָ., וואָס איז דער אַמעריקאַנער אינטערעס פאַר אַ פּ.ל.אָ. מדינה, אָדער „האָמלענד", „איינהייט" א.ד.גל. ?

ווען מנחם בעגין איז געוואָרן פּרעמיער־מיניסטער האָט ער באַאויפטראַגט פּראָפ. עמוס פּערלמוטער פון וואַשינגטאָנער אוניווערסיטעט צו אונטערזוכן די אַספּעקטן פון דער אַמעריקאַנער פּאָליטיק אין מיטעלן מזרח. אין דעם טייל פון זיין רעפּאָרט וואָס ער האָט פאַרעפנטלעכט אין צוויי אַרטיקלען אַנאַליזירט ער ד"ר בזשעזשינסקיס אַרטיקל אין „פאָרעין פּאָליסי" פון אַפּריל 1975. פּראָפ. פּערלמוטער ווייזט אויף ווי נישט לאָגיש און פאַלש ס'זע־נען בזשעזשינסקיס אויפפאַסונגען אויף וועלכע ער שטיצט היינט זיין פרווו צו לייזן דעם ישראל־אַראַבער פּראָבלעם: „פאַרהאַנדלען די טעריטאָריעס פאַר אַ חלוקה פון דעם פּאַלעסטינער מאַנדאַט־געביט צווישן ישראל און אַ פּאַ־לעסטינעזער מדינה, וואָס וועט וואַרשיינלעך זיין פּ.ל.אָ. דאָמינירט". אָבער פּראָפ. פּערלמוטער האָט נישט געגעבן קיין אויפקלערונג אויף דער אוראַלטער קשיה: „קרח שפּקח היה"... ווי קומט עס, אַז אַזאַ געלערנטער פּראָפעסאָר און פּאָליטישער אַנאַליטיקער, ווי ד"ר בזשעזשינסקי זאָל זיך שטיצן אויף אַזעלכע „מיספּערצעפּשנס" (אויפפאַסונג גע־שטיצט אויף טעותים).

אין מיין אַרטיקל אין "די „מעלבורנער בלעטער" (סעפּט. 1976 פאַר די פּרעז. וואַלן אין אמעריקע) האָב איך אַנאַליזירט דעם זעלבן אַרטיקל פון ד"ר בזשעזשינסקי, אויפגעוויזן אויף די זעלבע פאַלשע אויפפאַסונגען און ווען איך בין געקומען צו דעם זאַץ, ווי ד"ר בזשעזשינסקי סוגערירט אַן ארויפגעצוואונגענע לייזונג מיט אַמעריקאַנער גרענעץ פּאַטראָלן, האָב איך פאַרשטאַנען צו וואָס ד"ר בזשעזשינסקי צילט. איך האָב פאַרגליכן בזשעזינסקיס אַר־טיקל מיט אַן אַרטיקל פון פּראָפ. ריטשאַרד אולמאַן אין דעם זעלבן באַנד פון „פאָרעין פּאָליסי" (פּראָפ. אולמאַן פון פּרינסעטן אוביווערסיטעט איז אַ פאָרשונגס דירעקטאָר פון דעם ראַט פאַר אינטערנאַציאָנאַלע באַציאונגען). פּראָפ. אולמאַן האָט פאָרגעשלאָגן אַ מיליטערישן זיכערהייטס־פאַרטיידיקונגס־פּאַקט מיט ישראל, אַ מיליטערישע באַזע דרום פון תל־אביב פאַרן אַמעריקאַנער לופט־פלאָט און דאָס סטאַציאָנירן שיפן פון דעם 6־טן פלאָט אין איינעם פון די ישראל־פּאָרטן; געוווער־לאַגערן אין ישראל.

פאַרגלייכנדיק די צוויי אָפּהאַנדלונגען פון די צוויי פּראָמינענטע פאָרשער אויפן געביט פון אויסערן־פּאָליטיק בין איך געקומען צום אויספיר, אַז דער הויפּט־ציל, וואָס זיי שטרעבן צו דערגרייכן איז צו עטאַבלירן אַן אמערי־קאַנער מיליטערישע אָנוועזנהייט אין ישראל — אַ „צוריק־פּאַל" באַזע הינטער די גריכיש־טערקישע באַזעס, וואָס זענען באַדראָט צוליב דעם ציפּערן סכסוך.

די היפּאָטעטישע סצענאַריאָ איז אַזאַ: כבדי צו דער־גרייכן דעם ציל (אַן אַמעריקאַנער באַזע), וועט אַמעריקע זיך באַמיען צו איבערצייגן ישראל (פאַרשטייט זיך מיט אַ דרוק), אַז זי זאָל צוריקגעבן די שטחים און מסכים זיין צו אַ פּאַלעסטינער מדינה. היות די עקזיסטענץ פון מדינת ישראל ווערט באַדראָט, אויב זי וועט נאָכגעבן דעם דרוק — איז אַמעריקע באַרייט „זיך מקריב" צו זיין. די אַמעריקאַנער מיליטערישע מאַכט אויפן אָרט וועט פאַר־זיכערן די פאַרטיידיקונג פון ישראל. די אַראַבישע מדינות וועלן מסכים זיין, ווייל זיי וועלן צוריקבאַקומען די שטחים

פרידנקייט אינטערפרעטירן אויף איר שטייגער און לטובת אירע צילן.

דאָס לעצטע וואָרט וועט האָבן דער ווילער — שבת, דעם 10טן דעצעמבער.

## אַ יאָר נאָך דער ירושלימער קאָנפערענץ

אין יאָר נאָך אַ קאָנפערענץ פון דעם פאַרנעם און היסטאָרישער באַדייטונג, ווי די קאָנפערענץ פאַר ייִדיש און ייִדישער קולטור — איז נאַטירלעך נישט גענוג צו וועלן זען קאָנקרעטע דערגרייכונגען. דאָך האָט זיך דער ענין פון ייִדישער קולטור־אַרבעט אַ ריר געטאָן אין די גרעסערע ייִדישע ישובים אין דער וועלט.

אויך אין ישראל האָט זיך די אַטמאָספער לגבי ייִדיש פּאָזיטיוו געענדערט. דאָ האַנדלט זיך נישט בלויז אין שפּראַך. עס האָט זיך אין אַ געוויסן זין געענדערט די באַציאונג צו אונדזער פאַרגאַנגענהייט; צום שטעטל; צום ייִדן — וועלכן מ׳האָט געוויינטלעך אָנגערופן: גלות־ייִד, און גלות־ייִד האָט געקלונגען כמעט ווי אַ באַליידיקונג.

מעגלעך — אַז דאָס איז געקומען אין רעזולטאַט פון דער אָפּגעהאַלטענער קאָנפערענץ.

עס איז אויך מעגלעך — אַז די קאָנפערענץ איז געווען דער אָפּקלאַנג פון אָט די ענדערונגען.

אָט האָט מען אָנגעהויבן לערנען ייִדיש אין אייניקע שולן אין ישראל. די העברעישע פּרעסע ברענגט בילדער, שמועסן מיט די שילער. מען וויזט ארויס באַציאונג — ווען מיט יאָרן צוריק וואָלט אַזאַ דערשיינונג ארויסגערופן צאָרן. אין בעסטן פאַל — חוזק.

האָפן מיר, אַז דער וועלט־ראַט פון דער קאָנפערענץ וועט סטימולירן אין שטיצן אזעלכע ייִדיש פּראָיעקטן.

**מ. א.**

דר. מ. פערשטענדיק

# ערב דער זשענעווער שלום־קאָנפערענץ

צוריקגעבן אָדער נישט צוריקגעבן?... אַ שעקספּיריאַנער דילעמאַ. „זיין אָדער נישט זיין״... מערקווירדיק. יעדער צד האַלט, אַז נאָר זיין אויספיר פאַרענטפערט די דילעמע. די וואָס זענען קעגן צוריקגעבן די טעריטאָריעס באַהויפּטן, אַז דער עצם עקזיסטענץ פון מדינת ישראל און פאָלק ישראל איז אין געפאַר אויב מ׳וועט צוריקגעבן. דער צווייטער צד אַרגומענטירט, אַז די עקזיסטענץ פון דער מדינה איז דווקא פאַרזיכערט אויב מ׳וועט צוריקגעבן די טעריטאָריעס פאַר אַ פּאַלעסטינער מדינה מיט וועלכער ישראל וועט לעבן בשלום לעולם ועד. אַלע צדדים שטעלן פעסט, אַז כמעט דער גאַנצער ישוב (מיטן אויסנאַם פון אַ קליינע מינדערהייט) איז קעגן צוריקגעבן, קעגן אַ פּאַלעסטינער מדינה צווישן ישראל און ירדן.

די אויסערלעכע וועלט — די „פאַראייניקטע פעלקער״ וואָס זענען צעשפּליטערט און צעריסן צווישן זיך — איז פאַראייניקט וואָס שייך מדינת ישראל: צוריק צו די גרענעצן פון 1967.

צי איז דאָס אַ נייע אַנטי־ישראל אַנטוויקלונג?

די רעזאָלוציע 242 פון די פ.אַ.ר. פעלקער איז 10 יאָר אַלט (22טער נאָוועמבער 1967). זי האָט געפאָדערט דאָס צוריקציִען זיך פון „טעריטאָריעס״ (אגב נישט פון די טעריטאָריעס, דאָס הייסט נישט פון אַלע טעריטאָריעס) פאַרנומען אין דער 6־טאָגיקער מלחמה. דאָס רעכט פון ישראל צו לעבן בשלום אין די ראַמען פון געזיכערטע און אָנערקענטע גרענעצן, פרייע נאַוויגאַציע פון אינטערנאַציאָנאַלע וואַסערן (סועץ א.א.וו.). אַ גערעכטע ליזונג פון דעם פּליטים פּראָבלעם א.א.וו., א סוף צום קריגס־צושטאַנד צווישן די אַראַבישע מדינות און מדינת ישראל.

די רעזאָלוציע 338 אָנגענומען לויטן פאָרשלאַג פון אמעריקע און סאָוויעט רוסלאנד איז 4 יאָר אַלט (22טער אָקטאָבער 1973 — נאָך דער יום כפור מלחמה) די דאָזיקע רעזאָלוציע פאָדערט אויף ישראל און די אַראַבישע מדינות אָנצוהייבן פאַרהאַנדלונגען מיטן ציל צו עטאַבלירן אַ גערעכטן און דויערהאַפטן שלום אויפן סמך פון דער רעזאָלוציע 242.

אין פאַרגלייך איז די רעזאָלוציע 338 גינסטיקער פאַר ישראל, ווייל די שטרייכט אונטער דעם ציל פון די פאַרהאַנדלונגען — אַלס אַ גערעכטן און דויערהאַפטן שלום און נישט ווי אין 1967 סתם אַ סוף צום קריגס־צושטאַנד.

אויף דעם סמך פון דער רעזאָלוציע 338 איז געבוירן געוואָרן די קאָנצעפּציע פון דער זשענעווער קאָנפערענץ אונטער דעם קאָ־פאָרזיץ פון אמעריקע און רוסלאַנד.

די זשענעווער שלום־קאָנפערענץ האָט זיך געעפנט דעם 21־טן דעצעמבער 1973. די אָנטיילנעמער זענען געווען מצרים, ירדן און ישראל. סיריע האָט באָיקאָטירט די קאָנפערענץ. אַכט טעג שפּעטער, דעם 29־טן דעצעמבער איז די קאָנפערענץ אָפּגעלייגט געוואָרן און וואַרט נאָך אויף א תיקון ביזן היינטיקן טאָג.

ווען מיר באַטראַכטן די הויפּט־עלעמענטן: פאַרהאַנדלען טעריטאָריעס פאַר רעכט צו לעבן בשלום אין די ראַמען פון געזיכערטע און אָנערקענטע גרענעצן, אַ גערעכטער און דויערהאַפטער שלום א.א.וו. — זענען זיי נישט קיין נייע.

פאַראַן אָבער היינט־צו־טאָג נייע עלעמענטן: 1) די דרינגלעכקייט און די אײַלעניש פון דער קאַרטער אַדמיניסטראַציע ווידער צו באַנייען די זשענעווער שלום קאָנפערענץ; 2) דאָס באַנוצן זיך מיט דעם באַגריף „האָמלענד״ פאַר די פּאַלעסטינעזער; 3) דאָס אויסטוישן די ווערטער „ליזונג פון פּליטים פּראָבלעם״ (לויט דער רעזאָלוציע 242), אָדער ווי מען האָט דעם זאַץ דעפינירט שפּעטער

# מעלבורנער בלעטער

ליטעראַריש־געזעלשאַפטלעכע אויסגאַבע

אַדרעס פון רעדאַקציע: "KADIMAH", 7 Selwyn Street, Elsternwick, Victoria, 3185, Australia.

דעצעמבער 1977 | נומער 5 (11) | מעלבורן, אויסטראַליע

# פּאַרלאַמענט־וואַלן אין אויסטראַליע

שבת, דעם 10טן דעצעמבער ה. י. וועלן די בירגער פון אויסטראַליע אויסוויילן די רעגירונג, וועלכע וועט אָנפירן מיטן לאַנד, אין די קומענדיקע 3 יאָר.

פּאַרלאַמענט־וואַלן — אײדער עס פּאַרענדיקט זיך דער קאָנסטיטוציאָנעלער טערמין — קאָנען פּאָרקומען אין פאַל ווען די רעגירונג האָט שוועריקייטן דורכצופירן איר פּראָגראַם; ווען אין סענאַט האָט די אָפּאָזיציע אַ מערהייט, און וויל נישט באַשטעטיקן דעם רעגירונג־בודזשעט. אָן פינאַנסן קאָן מען קיין מלוכה נישט פירן

דאָס זענען אײגנטלעך געווען די שוועריקייטן, אויף וועלכע די לייבאָר־רעגירונגען (אין בײדע קאַדענצן) האָבן זיך אָנגעטראָפן.

די איצטיקע רעגירונג, כאָטש זי האָט אַ גענוגנדיקע מערהייט דורכצופירן אַלע אירע פּראָיעקטן — שטעלט זיך צום משפט פון די ווילער — נאָך צוויי יאָר רעגירן. ביי די איצטיקע וואַלן ווינשט זי זיך גאָרנישט צו געווינען קיין גרעסערע מערהייט, ווי זי האָט געהאַט ביז איצט. דערצו האָט נאָך די רעגירונג אַ גאַנץ יאָר צו באַווייזן, אַז זי איז קאָמפּעטענט אײנצופירן רעפאָרמען, וועלכע זענען צום וווּיל פון לאַנד; אַז דאָס איז דער ריכטיקער וועג צו פאַרזיכערן דעם לעבנס־סטאַנדאַרט, די אַרבעטס־מעגלעכקייטן, דעם וווילשטאַנד פון דער באַפעלקערונג; אַז דאָס איז טאַקע דער ריכטיקער וועג, אויף וועלכן אויסטראַליע דאַרף גיין. האָט זי דאָך אַלע מעגלעכקייטן און מיטלען צו איבערצייגן דער באַפעלקערונג, אַז די איצטיקע רעגירונג איז די פּאַסיקסטע.

טאָ וווּ איז די לאָגיק פון פאַרלאַנגען מיטאַמאָל וואַלן?

אויב עמעצער זעט לאָגיק אין פּאָליטיק — זוכט ער עס אויף אַ פאַלשן אַדרעס.

פּאַרלאַמענט־וואַלן זענען אָבער — נאָכאַלעמען — פּאָרט דער רוקן־ביין פון יעדער דעמאָקראַטישער אָרדנונג.

ווען מיר פאַרגלייכן דעם אויסטראַלישן וואַל־סיסטעם, ווי עס ווערן געוויילט קאָנקרעטע פּערזאָנען אין א באַשטימטן ראַיאָן, מיטן וואַל־סיסטעם פון געוויסע אײראָפּעאישע לענדער, אָדער מדינת ישראל למשל — ווו דער ווילער גיט אָפּ זײן שטים פאַר אַ באַשטימטער פּאַרטיי, און די שטימען ווערן געציילט אין לאַנד־מאַסשטאַב — קומט אויס, אַז אפילו נישט אַלע דעמאָקראַטיעס זענען גלייך.

וואַלן באַפרידיקן דעם בירגערס געפיל פון זײן וויכטיקייט. ער האָט דעם באַוווּסטזיין, אַז ער דעצידירט, ווער עס זאָל רעגירן מיטן לאַנד. דער ווילער בלייבט אָבער זייער אָפט אַנטוישט פון די צוזאָגן, אין וועלכע ער האָט געגלייבט — אויב אפילו נישט מער ווי אויף אַ העלפט.

אין די איצטיקע וואַלן האָט זיך באַוויזן א נייער — דערוויל אומבאַקאַנטער עלעמענט (וועדליק זײן איינפלוס). דאָס איז די פּאַרטיי פון אויסטראַלישע דעמאָקראַטן, אונטער דער אָנפירונג פון דאָן טשיפּ.

וויזט אויס, אַז אין לאַנד האָט זיך אַנגעקליבן גענוג אומצופרידנקייט מיטן צוויי־פּאַרטייען סיסטעם, און ס'האָט ארויסגערופן צום לעבן אַ דריטע פּאַרטיי, וואָס קאָן זיך ארויסווייזן ווי אַ דריטער כוח.

אַז אַ פּאַרטיי פון אומצופרידענע קאָן ווערן אַ וויכטיקער פּאָליטישער פאַקטאָר, האָט באַוויזן די דעמאָקראַטישע באַוועגונג פאַר ענדערונגען אין ישראל, אונטער דער אָנפירונג פון יגאל ידין.

אין די ראַמען פון אויסטראַלישן וואַל־סיסטעם וועט וואַרשיינלעך די פּאַרטיי פון דאָן טשיפּ ציען א סך שטימען, אָבער ווייניק מאַנדאַטן.

די לייבאָר־פּאַרטיי האָט גרויסע שאַנסן ביים איצטיקן וואַל־פּאַרמעסט. הגם איר פירער האָט זיך מודה געווען, אַז די לייבאָר רעגירונג איז באַגאַנגען פעלערן, וועלכע זי האָפט אויסצומיידן אין דער צוקונפט — האָט זי נאָך אַלץ אינעווייניקסטע שוועריקייטן מיט עלעמענטן, פאַר וועמען די לייבאָר־פּאַרטיי איז נישט מער ווי א באַקוועמע אכסניה צו פּראָפּאַגאַנדירן פּאָליטישע ריכט־ליניעס, וועלכע רופן ארויס אומצוטרוי ביים אויסטראַלישן ווילער.

די דאָזיקע עלעמענטן זענען אַ באַלאַסט, וואָס העלפט זינקען די שיף...

אַלע פּאַרטייען זענען מסכים, אַז די עקאָנאָמישע לאַגע פון לאַנד איז אַ נישט־צופרידנשטעלנדיקע; אַז ביי דער באַפעלקערונג איז דאָ דאָס געפיל פון אומרו און זאָרג פאַרן מאָרגן; אַז די טויזנטער יונגע מענטשן, וועלכע פאַרענדיקן זייערע שטודיומס זעען נישט קיין פּערספּעקטיוו פאַר דער צוקונפט.

יעדע פּאַרטיי אויף איר שטייגער פּרובירט די אומצו־

# Jetset Tours Pty. Ltd.

## *Package Deals*

די בעסטע און ביליקסטע רייזעס ארום דער וועלט:

האנג-קאנג - סינגאפור - אייראפע און ישראל

אמעריקע - יאפאן - באלי - אייראפע

●

**18th Floor, M.L.C. Building**

**Cnr. Collins & Elizabeth Streets, Melbourne, 3000.**

**Telephone: 62-0041**

**A.H. B. WIENER 91-3885**


### בעגינס פארשלאג — צוריקגעצויגן

פון א קורצער נאטיץ אין „דזשערוזאלעם פאסט" דערוויסן מיר זיך, אז פרעמיער בעגין האט צוריקגעצויגן זיין פארשלאג וועגן פאראייניקן די דאטעס פון תשעה באב אין דעם אנדענק-טאג פון די העלדן און מארטירער (שואה). מיט צופרידנקייט קאן מען פעסטשטעלן אז די כוואליע פון פראטעסטן קעגן אזא פאראייניקונג האט געהאט דעם געהעריקן דערפאלג.

# מעלבורנער
# בלעטער

## אינהאלט:


מ. א. — פּאַרלאַמענט־וואַלן אין אויסטראַליע . . . . . 1

ד"ר מ. פּערשטענדיק — ערב דער זשענעווער שלום־קאָנפערענץ . . . . 2

י. אָרכאַך — פּראָבלעמען מיט אונדזער יוגנט . . . . . . . 5

וו. יאַבלאָנסקי — ווילן אויך יידן פּאַרגעסן ? ! . . . . . . 7

מאַרק שאַגאַל . . . . . . . . . . . . . 8

יוסף גאַמזע — ישראלי אָדער ייד ? . . . . . . . . . . 9

נורית ברצקי — עברי, דבר יידיש! . . . . . . . . . 13

הירש אָשעראָוויטש — פּאַרשטיינערטקייט (ליד) . . . . . . . 13

פעליקס ראַפּאָפּאָרט — ס'גייען באַנען . . . . . . . . . . 15

סענדער בורשטין — אַ ניי קאַפּיטל אין יידישן טעאַטער אין מעלבורן . 16
(מעמואַרן פון דער נישט לאַנגער פאַרגאַנגענהייט)

י. מ. לעווין — ואהבת לרעך כמוך (דערציילונג) . . . . . . . 19

לאה זילבער — „דריי מתנות" . . . . . . . . . . . 21

פּאָל אַלקריש — פוילן פון דער נאָענט . . . . . . . . 23

מ. אייזענבוד — „די הילצערנע שיסל" (יידיש טעאַטער) . . . . . . 26

ק. גערטלער — ''BIG TOYS'' (ענגליש טעאַטער) . . . . . . . . 27

מאיר זייבל — מלך ראַוויטש . . . . . . . . . . . . 28

פעלאַ מאַשעל — איין טאָג אין קאָרטשאַקס יתומים־הויז . . . . . 29

ש. בענעט — דער קאַרלטאָנער בית־עולם . . . . . . . . 30

מעם — אָנערקענונג — דאָרט ווו עס קומט . . . . . . 31

אַ בריוו פון „קדימה"־קאָמיטעט צום „באָארד" . 32


פּרייז 1 דאָלאַר


אַרויסגעגעבן דורך דער „קדימה" אין מעלבורן, אויסטראַליע

מעלבורן נומער 5 (11) דעצעמבער 1977